ארט פארלאג
הזכרה פארזאַמלונג
פראפ. דר. שמעון ראַווידאָוויטש, ז"ל

וועט פאָרקומען מאנטיק 19־טן אויגוסט 1957 אום 5.30 אוונט אין דער
School of Oriental & African Studies,
University of London, Malet Street, W.C.1.

דער טשיף רבי און זיין עקסעלענץ דער ישראלי אמבאסאדאר
וועלן זיך באטייליקן.

רעוו. חזן ג. בוען וועט מאכן די הזכרה.
פאָרזיצער: אלעקסאנדער מרגליות

מיר באַטייליקן זיך אין דעם טרויער איבער דעם פּלוצלינגען טויט פון
דעם גרויסן תלמיד חכם און ווישנשאַפטלער דר. שמעון ראַווידאָוויטש
אונזער טיפן מיטלייד מיט דער אלמנה און זון פונם גרויסן נפטר.
„לשון און לעבן" און „פריינט פון יידיש לשון"

מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַ־
מענט אָפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

לייענט, פארשפרייט און אנאנסירט אין
„די אידישע שטימע"
די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804.

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**
*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*
**IMPORT - - EXPORT**
**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור


נומער 9 (העפט 312) אכצנטער יאָרגאַנג סעפּטעמבער 1957 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


„תחל שנה וברכותיה", לשון און לעבן יובל,
חבר נתן ע"ה ..... ** 1
יזכור (פּאָעמע) ..... י. א. לערנער 5
מנחם מענדל פון תל־אביב צו זיין פריינט
סעם דייוויס אין לאָנדאָן ..... א. מייזעלס 6
מיין תפילה (ליד) ..... עלי זילבערג 11
„אשא עיני אל ההרים" (סקולפּטור) ..... בענאַ שאַץ 11
יידיש פילאָזאָפיע און טראַדיציע ..... י. ריכטיקער 12
דאָס שולכל, צו גאָט, כתר (לידער און צייט־לידער) ..... א. נ. שטענצל 15
ימים־נוראים אין „אַמאָליקן" ווייטשעפל . . . ..... ש. י. האַרענדאָרף 21
או־וויי, טאוער בריטש (לידער) ..... שמואל וואהייט 24
לאָנדאָנס גרעסטער באַרג ..... משה דאָמב 25
מיין טאַטן צום אָנדענק (ליד) ..... ש. זאַלקין 30
די געפאַר פון שפּילן שאַך אין אַ היים זומער־טאָג ..... מ. בעקערמאַן 31
זינגסטו אַ ליד (פּאָעמא) ..... אליהו פאַלושאַק 33
אַ גאַסט אויף אַ ווייל . . . (רעפּאָרטאַזש) ..... מנשה ווייסגראַז 35
קונסט און געזאַנג אין שייכות מיט די ימים־נוראים ..... י. ביעטש 43
בלויז די מאַמעס (ליד) ..... ש. קילשטיין 45
נאָטיצן פון אַ לייענער ..... מ. אַלמאַן 46
ברוך הבא ..... רחל דאַניאַך 47
לאָנדאָנער קולטור ידיעות ..... 48
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס ..... 48



פרייז 2 שילינג
אַבאָנאָמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

## ראש השנה ווונטשן שנת תשי״ח

די רעדאַקציע „לשון און לעבן“ ווינשט אירע מיטאַרבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

דער קאָמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון“ ווינטשט זיינע מיטגלידער אַ כתיבה וחתימה טובה.

יהודה ביעטש, פרוי און טאָכטער ווינטשן זייער משפחה, ברודער, שוועסטער, „פריינט פון יידיש לשון“ און „לשון און לעבן“ אַ גוט יאָר מיט כל טוב און אַ כתיבה וחתימה טובה.

משה בעקערמאַן און פרוי ווינטשן אַלע נאָנטע פריינט און משפחה אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַמעריקע, פוילן און ישראל, אַלע יידן אויף דער גאַנצער וועלט אַ גוט, געזונט און פריילעך יאָר.

נ. רובין ווינטשט זיין פאַמיליע, משפחה, קרובים און פריינט בכל מקום שהם, „פריינט פון יידיש לשון“ אַ גוט און גליקלעך יאָר.

די ברידער נאָראָדיצקי בר כוכבא און כרמל, פון פאַרלאַג און דרוקעריי „די נאַראַד פרעס“ ווינטשן אַ כתיבה וחתימה טובה זייער מוטער אין ישראל און זייער אַלע קרובם און פריינט, אָנגעשטעלטע און קליענטן.

עמנואל געלער, פרוי און טאָכטער ווינטשן אַ כתיבה וחתימה טובה זייער משפחה און פריינט.

ש. י. און נעלי הארענדאָרף. מיר ווינטשן אונזערע ברידער, שוועגערינס, פלימעניצעס און קרובים אין בריסל, טאָראָנטאָ און תל־אביב, ווי אויך אונזערע קאָלעגן און פריינד אין לאָנדאָן און אין אויסלאַנד, אַ גוט, געזונט יאָר, אַ יאָר פון שלום פאַר כל ישראל און מדינת ישראל.

נחום שטענצל, פרוי און טאָכטער און א. נ. שטענצל ווינטשן זייערע קרובים און פריינט אַ גוט יאָר, אַ כתיבה וחתימה טובה. אַ כתיבה וחתימה טובה צו קרובים, פריינט בכל מקום שהם און צו אַלע יידן אין ישראל און חוץ־לארץ.—ל. אלמאַן.

מנשה ווייסגראַז און קינדער ווינטשן זייער משפחה, גוטע פריינט און באַקאַנטע בכל מקום שהם, אַ גוט יאָר און אַ כתיבה וחתימה טובה.

יעקב טיילאָר און פאַמיליע פון לידז ווינטשן אַלע פריינט און באַקאַנטע אַ שנת חיים ושלום.

רחל מירסקי ווינטשט איר שוועסטער און שוואָגער אין דער שווייץ, איר ברודער מיט זיין פרוי און קינדער אין אַמעריקע, איר משפחה אין מדינת ישראל, אויך אין פאַריז און אַלע פריינט אין לאָנדאָן, אַ גוט און גליקלעך יאָר.

אברהם בערמאַן און זיין זון דוד פון קלעפטאָן, ווינשן קרובים און פריינט דאָ, מעבר לים, „פריינט פון יידיש לשון“ און „לשון און לעבן“ אַ גוט יאָר און אַ כתיבה וחתימה טובה.

מרס. טאַבאַטשניק ווינטשט אַלע פריינט אַ גוט און גליקלעך יאָר.

סיידי שעני פון 463 קאָמערשל רויד, א.1., ווינטשט איר ברודער און פאַמיליע און אַלע פריינט אַ גוט יאָר.

משה מאַרקאָוויטש און פרוי ווינטשן זייערע משפחה און פריינט אַ גליקלעך יאָר.

פרץ אַקערמאַן ווינטשט זיינע קינדער, אייניקלעך און אַלע פריינט פון יידיש לשון אַ שנת חיים והצלחה.

משה ביעטש און פאַמיליע ווינטשן שוועסטער און ברידער און די גאַנצע פאַמיליע אַ גוט און געזונט יאָר.

שמואל ווהייט און פרוי ווינטשן זייערע משפחה אַ גוט און געזונד יאָר.

אייזיק גאָלדבערג און פרוי צביה.
אַ גוט געזונט און גליקלעך יאָר ווינטשן מיר אונזער טאָכטער העלא, איידעם יוסף, אייניקל זשעקעלין ביעטש און משפחה, פריינט, באַזונדערס אַלע „פריינט פון יידיש לשון“ און די ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס.

יוסף הלל בינענפעלד ווינטשט א כתיבה וחתימה טובה זיינע טעכטער, אייניקלעך, מחותנים און די גאַנצע משפחה.

שלמה ראָזענפאָרב ווינטשט קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

דער קאָמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון“—וועסטענד בראַנטש, ווינטשט זיינע מיטגלידער אַ כתיבה וחתימה טובה.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

| נומער 9 (העפט 312) | אַכצנטער יאָרגאַנג | סעפטעמבער 1957 לאָנדאָן |
|---|---|---|

## ...„תחל שנה וברכותיה“

דער סך־הכל איזליידער זער א קלאגעדיקער: דער אטאם לאזט זיך שוין נישט בלויז שפאלטן, נאר אויך אויטאמאטיזירן. דער גס איז נאך וואס ביידע כחות — פון דער סטרא אחרא ווי פון דער סטרא קדישא! — זענען אזוי מאטעמאטיש קאלקולירט און סיסטעמאטיש־קאמבינירט אויסגעוואויגן, אז מען ווייסט שוין נישט „הו איז הו“. און דערפאר איז, מסתם, צו האפן, אז אונזערע ערדעלע, דער „תולה ארץ על בלימה“, וואס הענגט צווישן אייביקן לעבן און טויט, וועט זיך אזוי קוהלתדיק־פארצווייפלט ווייטער קייקלען מיט אויטאמאטיש צעפלוידערט צעפליאדיעטן: דור הולך ודור בא.

די לאגע אין ישראל, נאך די אלע סני נסים־נצחונות, איז ווייטער די נצח־ישראלדיקע, די אייביקע יידישע לאגע צווישן גלות און גאולה: דאס שעפסעלע, אן ארומגערינגלטס צווישן וועלף, האט קיין אנדערע ברירה נישט ווי צו פאשען זיך צווישן זיי... מיט דעם אונטערשייד, וואס אין די תפוצות האבן מיר דעם קאזאקישן: „מיינע יידן, דיינע יידן“ און ארום ישראל דעם דיפלאמאטישן: „מיינע אראבער, דיינע אראבער“ — איר באוואפנט עגיפטן און סיריען, באוואפענען מיר לבנון און עבר־הירדן! און דער סך־הכל איז: ישראל שטייט צווישן מלחמה־גרייטע שונאים, אנגעלענט אויף זיין „איינציקן פריינט אדענאוער“, דעם דייטש, מיט אן אלטער תפילה צום נייעם יאר אויף די ליפן: „גאט, באשיץ מיך פאר מיינע פריינט, פאר מיינע שונאים וועל איך מיך אליין באשיצן!“

ווארום מדינת־ישראל איז איצט נישט מער קיין פראַגע פון אַ יונ״א־דע־יוראַ, צי אַ ציוניסטישער דע־פאַקטאַ, די יידישע מלוכה אַציגד, אין ארץ־ישראל, איז א סאציאל־ציוויליזירטער פונקט אין וויסטן מיטלן מזרח, אַזוי אז וועלכע פויסט נאָר ס׳וועט זיך אויף איר פאַרמעסטן, וועט לכל־הפחות מאָראַליש צעבראכן ווערן.

וועט עס דען נוצן מאריך צו זיין? דעריבער לאמיר צוגיין בקיצור צו א סך־הכלדיקן קולטור־ענין. פון אונזער גרויסן סני־נצחון איז אונז אפיציעל געבליבן א בוך מיט העראאישע פאטאגראפיעס און אין שער־בלאט פאטאמאנטאזש פון די צייטונגס־קעפלעך, וואס שרייען אויס דעם זיג, זענען פארטראטן אלע שבעים לשונות — אפילו דייטש און אונגאריש! — נאר נישט יידיש.

אויב דאס איז דער פאטא־שאַרזשירטער פאזיטיוו פונם פילגערימטן וואפנשטילשטאנד, איצט אין ישראל, אין דער מלחמה צווישן אונזערע ביידע

לשונות, האפן מיר און מיר ווינטשן, אז אינם טאג פונם ריכטיקן שלום אויפן מיטעלען מזרח וועט דער ישראל־נצחון זיין אנזעעוודיקערער ווי אזא מין צייטונג־קעפלדיקער פאטאמאנטאזש־נעגאטיוו.

אויך די „פון אויבן״ באזארגטע קולטור אין גלות שטייט לגמרי נישט אפ פון דעם אקארשט דערמאנטן — אבער נאטירלעך אויפן רעליגיעזן געביט, ווייל דאס „אפילט נאך״... און מען קהלט זיך.

איז דא אין לאנדאן ארויסגעגאנגען א „סליחה מכל השנה״, און צו די אלע טראדיציאנעלע סליחות איז אויך שוין דא א פזמון לכבוד (די פעדער קאן דא נישט אויפשרייבן דאס ווארט לזכרון...) פאר די זעקס מיליאן קדושים.

די סליחה איז נישט געשריבן פון איינעם פון אונזערע קדושים־רביים, גאונים אדער א גרויסן דיכטער, ווי אמאל פון רבינו גרשום, א רש״י הקדוש, א ר׳ יהודה הלוי; זי איז געמאכט פון א „טיצער״ מיט א „טייטל״, און אין סטיל פונם פזמון (הייליק לשון מיינס, ווי דאס ווארט „פזמון״, „סליחה״, „מחילה״ קריגן אין דיין קליגן קלאנג אזא שמייכלדיקע צווידייטיקייט!...) קאנען זיך שוין אפילו די שענדלעכסטע נאציס פארקריכן אונטערן „כל הנעד־רים״ — טלית פון סליחה ומחילה.

## „לשון־און לעבן״ יובל

דאס יאר ווערט פולע 18 יאר, — חי צום לעבן! — ווי „לשון און לעבן״ האט אנגעהויבן צו דערשיינען. זייט דעם „העפטל״ ביז היינטיקן נומער 312 איז א געראנגל מיט לעצטע, אלץ איבערגייטע שוואכע כוחות פארן כבוד פון יידישן לשון און פאר דער אומאפהענגיקייט פונם געשאפענעם ווארט.

אין אן עפאכע, ווען די גרויסע מעכטיקע רוסישע ליטעראטור איז געווארן נכנע, נישט צומאל פאר דיקטאטארישע פארטיי, נאר צו א טיראן און זיינס גלייכן; און די אייראפעאישע קולטור־וועלט, די קריסטלעך־ציוויליזירטע, די הימאניסטיש־דעמאקראטישע, אזא פראקטיש־אימפאטענטע און גלייכגילטיקע, איז דאך א נאטירלעכע זאך אז דאס שוואכע, אויסגעבלוטיקטע יידישע ווארט זאל בטל ווערן פאר יעדן פארטיי־פירערל און מנהיגל, פאר יעדן ליטעראריש איידל מענטשל און עם־הארציש גראבן יונג, וואס וויל זיך נעבעך לאזן קאסטן און גוט־באצאלן פאר א ברעקעלע קרענקלעכן כבוד.

און אונזער טראגיש יידישע עפאכע, וואס די, פאר וועלכע יידיש איז טויט, אבער זיי מאכן דערפון א־לעבן; ווי יענע טויטן־שענדער וואס רייסן גאלדענע ציין פון מתים ארויס, רייסן זיי אראפ די „פאלקס־שפראך״, ווייל דאס פאלק איז דאך פארטיליקט און אויס, און אט שטייען זיי גאר אויף ווי העלפנדיקע לעמלעך, ווייל א קאניעקטור מאכט זיך אזא, א סאצאלע, צי אנאציאנאלע און עס צאלט זיך ניש־קשהדיק — א, ווי יידישלעך: „על פת לחם יפשע גבר״.

ביי אט דעם געראנגל, אויף טויט און אויף לעבן, פארן יידישן ווארט און פארן שעפערישן ווארט בכלל, אז אין אונזער מדינה, אין דעם קלאסישן לאנד פון „טיים איז מאני״, ביי דער ארעמקייט פון דער יידישער גאס און



זשעדנעקייט פאר א ברעקעלע אנזען „כי לא על הלחם לבדו יחיה אדם״ — מ׳וויל אויך האבן א ביסעלע כבוד ביים לעבן! — אז מיר זיינען אנגעגאנגען מיט „לשון און לעבן״ 17 יאר איז באמת א סימן טוב און ס׳קומט אונז א מזל־טוב.

און אז מיט דעם נומער 312 גייט דער זשורנאלן אריין אין זיין 18־טן לעבנס יאר פון זיין עקסיסטענץ איז עס ממש ווי א סימבאל פאר דער עקסיסטענץ פונם יידישן שעפערישן ווארט אומעטום וווּ מיר לעבן און שאפן — אויב מיר דא האבן עס באוויזן, איז דער יובל־יום־טוב נישט נאר בלויז אונזערער.

און איז דאס נישט וווּנדערלעך, אז אין אונזער פעראיינזאמטקייט דא, אז מיר האבן זיך געקאנט מצרף זיין אינם צער אונזערן איבערן גרויסן אומגליק פון אונזער פאלק; און שפעטער, אז ס׳איז געקומען דאס וווּנדער פון דער אתחלתא דגאולה פון ישראל, מיר זאלן מיטזינגען דעם „ברינה יקצורו״ — מיר ווילן נישט זיך און נישט קיינעם איינריידן, אז מיר האלטן דעם דופק פון אונזער פאלק אבער דאס הארץ קלאפט דאך מיט און יובלט מיט יעדן געשעעניש.

איז דאך אבער „ליתא כתובה בלא תיגרא״! פרעגט מיך א פריינט, פארוואס איך מאך נישט קיין „לייבל״, פארוואס איך „רעגיר״ נישט און גיב א קלאפ און עמוד אריין, אויף די אנפאלן לעצטנס אין דער וואכן־צייטונג אויף דער ארבעט פון פריינט פון יידיש און „לשון און לעבן״. איז קודם גיב איך דעם קאלעגא צופארשטיין, אז דער גאנצער „נאנסנס״ איז כדי להגדיל את העסק פון „דער אנגייענדיקער״ קולטור־„פראספעריטי״. איז ראשית גאנץ פיין און ווויל, אדרבה, זאל מען טאקע בלאזן בחצוצרות וקול שופר. ס׳איז דאך ווי די גמרא זאגט: „חכמה ואינה מלאכה״.

והשנים קלאפט מען נישט אין עמוד אריין נאר אין שולחן אריין וווּ די „קערות״ שטייען, און „מעקב זיין די קריעה״ ווילט זיך אויך נישט, — ווארום פון דער וואכן צייטונג, צי פון אונזער חודש־זשורנאל, יעדער לייענער איז מיר טייער! — ביים עמוד שטייט מען און מ׳איז מתפלל, און דאס ווילט זיך מיר וויטער טון, שטיין און מתפלל זיין. עס ווילט זיך נאר האפן, אז אונזער צבור וועט מיט דער צייט אויך נאר ווערן א ביסל גרעסער.

## חבר נתן ע״ה

ער איז נישט געווען קיין פראלעטארישער יגיע־כפימניק, וואס די קללה פון בזיעת אפיך ליגט פארביטערט אויף זיין פנים. ער איז געווען א נהנה מיגיע כפו און געגליבט אין דער געטלעכער גוטסקייט פונם מענטש.

דער נאמען חבר איז געווען זיין טיטל, ווי מורינו, ווי הרב — ווי חבר נח אין דער היים.

צענדליקער יארן איז נתן גוטער דא געשטאנען בראש פונם בונד, ווי א פארטיי־קעמפער, ווי א קולטור־טוער און ביז צו זיין לעצטן טאג איז פון זיין

אויסגעארבעטן און גייסטיקן פנים נישט אראפ דער האפערדיקער יידישער שמייכל.

תמיד, ווען כ'האב אים אנגעטראפן אין גאס, האב איך מיך געמוזט אפשטעלן און איס אקייגנטראגן דעם: „חבר נתן, וואס מאכט איר?" און ער באלד, מיט די לעצטע ליטעראַרישע נייעסן און פראבלעמען; און אים באגלייט איבער ווייטשעפל מיט א נחת, וואס נאך ביי אונז דא דרייט זיך ארום א שניידער, א לייוניק, ווי אין אונזערע לעגענדעס.

אין די לעצטע יארן איז חבר נתן שוין געווען קראנק, כמעט א סגי־נהור. פרעג איך אים אמאל, טרעפנדיק גיין א פארמאטערטן פון דער ארבעט: „מוזט איר נאך באמת ארבעטן? איר זענט דאך שוין אין די יארן, ווען אן ארבעטער דא אין אונזער מדינה קריגט זיינמלוכה־פענסיע! און אויף אייערע וואוילע קינדער קאנט איר זיך אויך מסתם פארלאזן?"

ער האט מיך אנגעקוקט מיט א פייערל אין זיינע מידע קראנקע אויגן: „שטענצל, אז איך ארבעט, איז דאס שטיקעלע ברויט מיר זיס אין מויל; כ'פיל מיך, אז איך בין נאך א נוצלעכער מענטש אין דער געזעלשאפט". אזא ווארימקייט האט מיך ארומגענומען פון זיינע ווארימע ווערטער און פון דעם פייערל אין זיין בליק.

פאַרגאַנגען יאָר מיר אַריינכאַפנדיק אין אַ ווייטשעפלער שולעכל, וועמען טרעף איך דאָרט אויף אַ לעצטער באַנק איינגעהילט אין' אָ טליתל, מיט אַ היימישן מחזור אין דער האַנט? חבר נתנ'ן.



ער האָט מיך ריכטיק נישט געקענט זען, איבער זיינע קראַנקע אויגן, און איך הינטער אים האָב געקענט הערן, אַז ער, נישט בלויז ער פאַרשטייט פירוש המילות, נאָר ער פילט אויך זייער מסיקות.

ווי ער האָט דאָס מטעים געווען דעם „וידעו כל פעול כי אתה פועלתו". דעם „ויעשו כלם אגודה אחת": באמת ווו קאָן מען דען נאָך געפינען איצט אזעלכע ריין־מאַרקסיסטישע ווערטער, ווי אין אונזער ימים נוראים מחזור: אַז גאָט אַליין כביכול איז נאָר אַ פועל, „כי אתה פועלתו".

איך קוק אויפן שמייכל פונזיינע ליפן און איך שמייכל מיט: „ויעשה כולם אגודה אחת זיי זאָלן מאַכן איין בונד...

עס איז אַזוי רירנדיק צו זען, אַז מיר האָבן נאָך אַהיים, אַן אינקאָגניטאָ, ווו מיר טרעפן זיך פנים אל פנים מיט אונזער יוגנד און זאָל עס אַפילו זיין אין לעצטן יאָר פאַר אַהיימגיין צו אונזערע עלטערן...



אַזוי האָב איך אויך געטראָפן אַמאָל אין אַ שולכל אין דער גראַנאַדיר שטראַסע, נחום שטיפן אין לעצטן יאָר פאַר זיין אָפפאַרן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. צו שטיפן בין איך יאָ צוגעגאַנגען. ער האָט געהאָט פאַרטרערטע אויגן...

דריי טאג פאר זיין טויט טרעף איך נתנ'ן, און ער איז פול מיט פריידיקע רייד: „מיר גרייטן זיך איצט צו דער 60 יאר פייערונג פון בונד. אונזער גרופע דא הי וויל נישט אפשטיין. עס איז טאקע לאנדאן, אבער מיר — נאך פון דער היים — מיר געדענקען נאך וואס עס האט געמיינט דער בונד".

איך האב אים באגלייט, אים מלווה געווען ביז פאר זיין הויז. עס איז נישט געווען בלויז דאס וועלן צופירן א סגי־נהור, נאר די פרייד פון זיינע רייד.

זאל אים גרינג זיין די ערד, אויף וועלכער ער האט אזוי שווער אויף איר געטרעטן, זי גרינגער צו מאכן פארן מענטש.

### י. א. לערנער

## יזכור

נאך מיינע אומגעקומענע...
געווידמעט מיין ליבען פלימעניק (פרא. דר. א. לערנער)

איך האב באשלאסן נישט צו וויינען,
און קיין קרעכטץ נישט געבן מער;
דאך אין מיינע אויגן קענסטו ליינען.
אז טיף אין הארצן ליגט א טרער...
ס'וועט דער טרער נישט טרוקן ווערן
טיף אין הארץ א קבר דארט געמאכט;
וועט די יארצייט ליכט פארלאשן ווערן
דער נר־תמיד ברענט דארט טאג און נאכט.

איך וואלט קדיש נאך זיי זאגן
ווייס איך דאך נישט וועלכן טאג;
מוז איך שטיל דעם ווייטאג טראגן.
נאר אין שול ווען איך יזכור זאג,
רוף איך אלע זיי צו זאמען,
אלטע, יונגע, אלע מיינע,
ברידער, שוועסטער, טאטע מאמען,
אויך דאס בעסטע, ליבסטע דיינע;

איינגעהילטע אין תכריכים,
קומען מאסן מתים אלערליי,
וויינען ביטער, קלאגן קרעכטצן
און דאס הארץ מיר פלאצט פון ווייי.

און די שול ווערט פול מיט מתים
אט דאס ווייטאגט מיר נאך ווידער,
אין תכריכים, אין טליתים,
דערזע איך אויכעט מיינע ברידער.

ביי דעם טיש וואס פול מיט ספרים
שטארק פארטיפט אין יורה־דעה,
הער איך לערנען מיט התמדה.
אויך דיין מאמע די גוטע לאה,
הער איך וויינען, קלאגן ברומען:
„איך וואנדער ארומעט כ׳האב קיין רו,
איך בין אין בעלזען אומגעקומען;
און די קינדער, ערגעץ וואו...״

הויב איך אויף צו גאט די הענד;
אוי גאט! וואו ביסטו דאן געווען?
ווען געהארגעט און געברענט —
צו ווייסט נישט וואס מיט זיי געשען?
מאך איך צו דעם גראבן מחזר.
און קען נישט זאג יזכור מער;
איך פארלאז די שול מיט זיי צוזאמען;
נאר פון אויג מיינס פליסט א טרער...

## א. מייזעלס

## מנחם מענדל פון תל אביב צו זיין פריינט סעם דייוויס אין לאנדאן

ב״ה תל אביב לסדר „בסוסים בחמורים ובגמלים״ תשי״ז.

לכבוד ידידי יקירי מחמד נפשי הפטיש המפוצץ סלע כש״ת מוהר״ר שמואל הנקרא סעם דייוויס נ״י ויזרח כשמש בצהרים עד בלי די.

אחדש״ה באהר״ב קום איך אייך צו מעלדן פון אונדזער ליבן געזונט, מיר זיינען אלע ברוך השם בקו הבריות, א חוץ די שוויגער זאָל לעבן וואָס זאָגט, אז זי „פּאָכעט מיט דער נשמה״, דאָס נעמליכע פון אייך צו הערן, אָמן.

והשנית קום איך אייך צו טון דאנקען פאר אייער „מכתב״ וואָס איך האָב געטון „מקבל״ זיין פון אייך. עס איז ביי מיר געווען זער אָנגעלעגט, אז איר האָט אין מיר ניט פארגעסן ובפרט ווי איר שרייבט מיר, זייט איר איצט זער פארנומען, מחמתביידע ימים נוראים זיינען אויס געפאלן אין „לערך״ איין אין די־זעלביגע צייט. אָט דאָ פארשטיי איך ניט לגמרי, ווער זיינען די אנדערע ימים נוראים? מילא ראש השנה און יום כפור, דאָס ווייסט דאָך יעדעס קינד, אַבער פון אַ „סאנט לעדזשער״ „צעזארעוויטש״ און „קעמברידזששיר״ ימים נוראים, האָב איך נאָך ניט געהערט, האָט ניט דער יום טוב אמאָל צו טון מיט אייערע פערדלעך?



פונדעסטוועגן, האָט מיך אייער בריף ממש מחיה געווען, א קלייניגקייט אָט די אלע נייעסן וועלכע איר האָט מיר געטון שרייבן. עס האָט מיך דערמאָנט אין די אמאָליקע גוטע צייטן בשעת מיר זיינען געזעסן ביי „לייאָנס״ אין קאפע, גערעדט, געשמועסט, געטענה׳ט, הערט איר מיין פריינט, עס בענקט זיך אמאָל טון א קוק אין ווייטשעפל, ווי זאָגט מיין שוויגער „בעסער אן אלטער שונא — ווי א נייער פריינט״ לכן איז שוין פארענטווערט, וואָס מיר טיען ניט פארגעסן איינער אין אנדערן און דאָס וואָס איר שרייבט מיר, אז אייערער א פריינט א גרויסער געלערנטער שרייבט אייך די בריוו צו מיר, ווייל איר האָט נאָך ניט זיך צוגעפאסט אייערע ברילן, פרעג איך אייך ראשית, ווי לאנג נאָך וועט איר זיך לאָזן ארום פירן ביים נאָז, פון אייער שלימזלדיקן דאָקטער והשנית ווער איז דער דאָזיקער געלערנטער מאן און וואָס איז זיין טועכץ און „בכל אופן״, לאָזט אים גריסן פון מיר.

איצט ווילט איר דאָך אוודאי וויסן וואָס עס הערט זיך ביי מיר? מוז איך אייך זאָגן, אז „אין חדשות״, נישטו קיין שום נייעס ביי מיר, איך האָב שוין אלץ אויס געפראוווט און כ׳האָב נאָך ניט אָנגעטאפט דאָס אמתע, עס איז „לא מן השמים ולא מן הארץ״, ס׳הייסט ניט אהין און ניט אהער. איך קלער, אז דאָס הענגט אָפּ אין מזל, וואָרים מיר יידן מוזן דאָך גלויבן, אז „הכל תלוי במזל״. אָט נעמט דעם פעטער טוביה למשל, געקומען צוגלייך מיט מיר קיין ישראל און מיט געבראכט אַ באָמבע, האָב איך גענומען אים איינריידן, אז מיר זאָלן זיך טון א נעם צו די אמתע מסחרים, אזוי אויפן גאָר גרויסן אופן און האָב אים באוויזן, אז איינס און איינס איז צוויי, קומט ביים פעטער טוביה אויס, אז ביי מסחר איז איינס און איינס דריי, האָט איר שוין געזען אזא פערד? און מיינט איר דאָך אוודאי, אז איך האָב מיך געשעמט אים צו זאָגן מיטן הארבן וואָרט? איך האָב אים „פשוט כמשמעו״ געזאָגט — פעטער טוביה, איר זייט, איר זאָלט מיר מוחל זיין, א גרויסער פערד און ווען איר וואָלט געווען אין לאָנדאָן, וואָלט מען אויף אייך געזעצט...

מיינט איר דאָך, אז ער האָט זיך חלילה באליידיקט? איז „הס מלהזכיר״, ער האָט מיך אָנגעקוקט און געשאָקעלט מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט — איך בין אַ פערד? אַ פערד ביזטו מנחם מענדל. שפעטער עטליכע וואָכן גיי איך מיר אזוי פּאַמעליך אין אלענבי־גאס, ניט ווייט פון דער גרויסער שול, זע איך ווי איינער פאָרט מיט אַ וואגן אויף צוויי רעדער און פּאָכעט מיטן בייטשל, אזוי וואויל — יונגיש, קום צו נענטער, ווער מיינט איר איז דאָס געווען? איר האָט געטראָפן! דער פעטער טוביה מיט די ביינער, הערט איר מיין פריינט, בשעת כ׳האָב אים דערזען, האָב איך זיך פשוט פארשעמט, שיער איינגעזונקען פאר בושה, אן „הולך״ ווי א פורים שפילער, א צוכראסטעט העמד, קורצע ליינווענע הויזן, א פּאָר פאנטאָפל און א קאשמוץ אויפן קאָפּ. גיב א קוק אריין אין וואָגן, וואָס מיינט איר האָט ער געפירט? „זיוו־זיוו״, דאָס איז אַזאַ זאמד. שטיי איך אזוי אָן ווערטער און שאָקל מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט, אָט דאָס איז געוואָרן פון פעטער טוביה?

נעמט דער פעטער טוביה א גוטן שמעק־טאביק און רופט זיך אָן צו מיר — אידזע, אז דו קוקסט אויף מיר און טראכסט זיך, אז טוביה האָט זיך אויף דער עלטער באנארישט, געקאָנט פליען אין הימעל ארײַן מיט הויכע געשעפטן און צום סוף פירט ער גאָר זאמד אין א וואָגן, א יאָ מנחם מענדל כ׳האָב געטראָפן? ס׳איז ווי די תורה זאָגט „לא לחכמים לחם״, מיר דארף מען קיין פינגער אין מויל ניט ארײַן לייגן, טוביה איז א מבין אויף א טשאד. ווילסט וויסן מנחם מענדל „מה חטאי ומה פשעי? „מיט וואָס איך פארנעם זיך און וואָס איך טו? איז „הנה״ זיי וויסן, אז איך בין אין א „קיבוץ״. הײַנט פיר איך זאמד, מאָרגן גיי איך מיט די בהמותאויףפאשע, אן אנדערן טאָג בין איך אין שטאל, אמאָל ארבייט איך אין גאָרטן, עס איז אָן עין הרע דאָ וואָס צו טון אין אַ קיבוץ. ווען דו זעסט אונדזערע שעפעלעך אָן עין הרע, פונקט ווי אונדזער פאָטער יעקב אָבינו׳ס שעפעלעך, די אמתע „עתודים׳לעך נקודים׳לעך און ברודים׳לעך״, אלע ווייסינקע ווי דער צוויט אויף די בוימער און ווען איך באווײַז זיך צו זיי און טו א געשריי „צאן קדשים!״, זאָלסטו הערן דעם מעעעעע!! ממש דאָס הארץ גייט איבער, הײַנט אז עס קומט דער „ממחרת השבת״ און נאָכן דאווינען דעם אמתן קידוש און נאָכן עסן רעדט מען איבער הויכע ענינים און איך וואַרף ארײַן אַ פסוק, און אז „כטוב לב המלך ביין״ טאנצט מען א האָרא און דאנאָך זעצט מען זיך ארום מיר און איך דערצייל זיי מעשיות פון אמאָליקע פאָגראָמען, גיט אנדערע גליקן, פארפוץ דאָס מיט א „פסוק, א גמרא, א שטיקל מדרש״ און יונגווארג קאטשעט זיך פאר געלעכטע־ און זייער הארץ גייט אויס פאר ליבע צום פעטער טוביה און טוביה וועלכער האָט שטענדיק געהאט „צער גידול בנים״ פון זײַנע טעכטער, האָט ליב די דאָזיקע בחורים און בחורות, אזוי ליב ווי זײַנע אייגענע טעכטער און אפשר מיט א שמיץ אריבער.

זאָג איך צום פעטער טוביה, — מילא אין „קיבוץ״ פירט איר זאמד, אָבער צו וואָס האָט איר ארײַן געבראכט דאָס זאמד אין תל אביב? מיר האָבן דאָ ווײניק זאמד? ענטווערט ער מיר — ס׳איז א„משל כחרס הנשבר״, הלמאי זאָגט ער איז אין תל אביב דאָ א ים, נו, ברענגט מען ניט ארײַן קיין פיש? ווייסט דאָך זאָגט ער, אז מען דארף אויף יום כפור ארײַן שטעלן ליכט אין די קעסטלעך, פאָר איך ארום אין די גאסן און שרײַ „גברת! זיווו־זיוו פאר די יום כפור ליכט! „און כ׳האָב מײַן וועגעלע זאמד פארצוקערט און טאקע פאר דעם געלייזטן געלד, וועט טוביה אײַנקויפן גוטן „שבת־אויבס״ פאר ראש השנה פאר מײַנע קליינע קיבוצניקלעך, מײַנע בײַנער זאָלן זיי איבערלעבן.

נו מר. דייוויס, וואָס זאָגט איר צום פעטער טוביה? א ייד אויף דער עלטער ווערט א פאסטוך, איך פרעג נאָר איינס, וואָס וועט ער טון מיט זײַנע מיליאָנען? קיין קינד, קיין רינד און מײַנט איר, אז איך האָב אים ניט אמאָל געגעבן אָן צו הערן וועגן א צוואה. נו האָט ער געלאכט און געזאָגט, אז טוביה וועט קיינמאָל ניט שטארבן...

הקיצור, לאָמיר לאָזן דעם פעטער טוביה מיט זײַנע „צאן קדשים״ און זיך



נעמען צון אונדזערע געשעפטן. א שטיקעל אומגליק אין ישראל איז, וואָס ס׳איז „כלנו חכמים״, יעדער איז א גוטער „ביזנעסמאן״ ווי מען זאָגט ביי אייך אין לאָנדאָן און קיין לופט געשעפטן קאָן מען דאָ ניט מאכן. דאָ זאָגן זיי ווי מײַן שוויגער פלעגט צו זאָגן — „ארבייט מיידעלע, ווע‍סטו האָבן א קליידעלע״ און אויב געשעפט מוז זײַן וואָס אָנצוטאפן.

נו, האָב איך געזען, אז פון אלע מײַנע פלענער האָט זיך אויס געלאָזט א בוידעם, און דאָ האָב איך א ווייב שיינה־שיינדל און ניט אזוי דאָס ווייב, ווי איר מאמע, מײַן שוויגער וואָס קאָן מיט איר יאַדען אוועק לייגן דעם שטארקסטן גבור, חאָטש צורק געשמועסט זײַנען זיי גערעכט, ווי לאנג איז דער שיער צו פוסט און פאסעווען?

בין איך געפאלן אויף א גוטן פלאן און האָב אָנגעהויבן צו האנדלין מיט „מגרשים״, ווייל איר מוזט וויסן, אז דאָ איז דער בוימייסטער, דער „איש חסיד״, איבער נאכט ווערן אויפגעשטעלט פאלאצן און ערד איז דאָ א זער טייערער ענין. איר קויפט דאָס כמעט אויפן צענטימעטער. טרעפט זיך א מעשה אין א שיינעם פרימאָרגן — דאָ איז יעדער פרימאָרגן שיין — זיץ איך אזוי אויף די „שדרות ראטשילד״ און נעבן מיר זיצט א מענטש, ספק ייד — ספק גוי, פארשטייט זיך, אז אין גלות וואָלט איך ניט געהאט דאָס יאַנדעס אים עפעס צ: פרעגן, אָבער אין מײַן ישראל, האָט מען בכלל פאר גאָר ניט קיין מורא. טו איך אים א פרעג „אחינו אתה?״ זאָגט ער מיר „יעס סיר.״ פרעג איך אים ווייטער, א לאָנדאָנער? זאָגט ער — „נאו סיר, אמעריקען״, און באלד צורעדט ער זיך מיט מיר אויף ענגליש, איך ענטווער אים העברעאיש און באלד מאכן מיר א פשרה און מהויבט אָן ריידן יידיש.

הכלל, וואָס וועל איך אייך לאנג מאריך זײַן דער פארשוין דערציילט מיר, אז ער איז געקומען אלס א גרויסער אידעאליסט קיין ישראל, ער וויל העלפן אויפבויען דאָס לאנד וועלכס ער האָט ליב מער פון זײַן לעבן און דער עיקר איז ער אײַנגעליבט אין נגב. אָט זאָגט ער, אין נגב איז אונדזער צוקונפט, מיר מוזן דעם וויסטן נגב מאכן צון א בליענדיק לאנד. אָבער ביז די חלוצים וועלן די ארבייט דאָרט מאכן, וויל ער דערווייל עפענען א קאנצעלאריע אין תל אחית און פארקויפן באָדען, ווייל ער געדענקט נאָך ווי יידן זײַנען רייך געוואָרן, ווען מען האָט געבויעט די בראָנקס אין נעוו יאָרק. און אויב איך וויל, קאָן ער מיט מיר מאכן ווי ער זאָגט „ביזנעס״, ער זעט זאָגט ער — אז איך בין דער אמתער מענטש וואָס ער זוכט, איך האָב שכל און פארשטיי ביזנעס.

הקיצור, מיר האָבן באלד אָפגעמאכט, זיך צושריבן פאָרמאלניע און זונטיק בין איך געקומען צום אים אין „אפיס״ און ער ווייזט מיר גאנצע פלאנען, באשריבן וואו יעדער פלאץ, אָדער בנין געפונט זיך און ער ווייזט מיר אָן אויף א שיין הויז „על שפת הים״, דאָס מיינט ביים „ביעטש״ און טאקע מניה ביה רופט ער זיך אָפּ איר זעט אָט דאָס איז א הויז מיט אלע מעלות. למשל איר שטייט אויף אין דער פרי און ווילט זיך באָדן מאכט איר אויף דאָס פענסטער און פלוד ארײַן אין ים ארײַן. אָדער גאָר אייער ווייב וויל אויסוואשן א פאָר

שטיקלעך, מאכט זי אויף דאָס פענסטער, בויגט זיך ארויס און וואשט. היינט ביי א שריפה, זייט איר דאָך א גליקליכער, ווייל אייער הויז שטייט דאָך ביים וואסער. טו איך אים א פרעג, וואָסזשע טוט מען חלילה ביי אן איבער־שוועמונג ? ? פאָלג מיך א גאנג ענטווערט ער מיר — וואו איז דאָס הויז, וואו איז דאָס וואסער ?

ווי איר זעט, האָב איך דאַסמאָל ניט געטראָפן און טו דערווייל גאָר ניט. מיין זון וועלכער איז געוואָרן אן אָפיציר ביי די סאָלדאטן, לאָזט מיך ניט פאלן און מיין טאָכטער לעבן זאָל זי, גיט מיר יעדע וואָך מיין פענסיע, אבא׳לע זאָגט זי — קאָנסט דאָך ניט ארומגיין אָן א פרוטה אין קעשענע, פארשטייט זיך, אז מיין שיינה־שיינדל וויגסט ניט דערפון. נו, קאָן איך מיך ארום דריין און אלץ זען און הערן. איז דאָ אנומעלט זע איך ווי אונטער תל אביב, פאָרט א גאנץ רעגימענט מיט טאנקן און אזעלכע משונה׳דיקע קאנאָנען און אן אָפיציר א שוטה, שטייט און וויל דווקא, אז דער טאנק זאָל ארײַן פאָרן אין א גרוב און די סאָלדאטן די טיפשום פאָלגן אים און מען לאָזט זיך צום גרוב און מען ווארפט ארײַן עפּעס אזעלכע פעסלעך. האָט מיך די זאך זער פארדראָסן און איך בין געבליבן ווארטן ביז זיי וועלן ענדיקן. ווען דער טאנק האָט זיך שוין ארויס געשלעפּט פון גרוב, האָט דער אָפיציר זיי געהייסן זיך אָפּרוען. דאמאלס בין איך ניט געווען קיין פוילער און בין צוגעגאנגן צון אים און טו אים א פרעג — היתכן ? ווי אזוי הייסט מען די קינדער ארײַן פאָרן אין א גרוב ארײַן, ער האָט דאָך געקאָנט אריבער פאָרן דעם גלייכן וועג ? מיינט איר דאָך, אז ער האָט זיך חלילה געכעסט ? ניין, ער האָט געלאכט, נו יאָ, ווי זאָגט מיין שוויגער — „דער נאר שטופט אים“.

איך מוז היינט מקצר זיין. ווען איך וועל האָבן צייט אייך צו שרייבן, ווייס איך דערווייל ניט. לעת עתה זאָל גאָט געבן מיט געזונט און הצלחה. בעט אייך אויס א גוט יאָר מיט א כתיבה וחתימה טובה און זאָל זיין פרייד און לייטזעליגקייט צום לאנד ישראל און כלל ישראל,

מיט אהבת ציון, ממני

מנחם מענדל

עיקר שכחתי. — איר האָט מיר געשריבן אין אייער בריוו, אז „שאפּירא“ איז ארײַן דער ערשטער און ער האָט געצאָלט אכט צו עלף. איז מיר דער גאנצער ענין ניט קלאָר פארוואָס איז דער „שאפּירא“ ארײַן ? וואָס איז געשען מיט זיין פערד, וואָס ער האָט געמוזט ארײַן ? און שרייבט מיר אויב איך קען דעם „שאפּירא“ און צו פלעגט ער קומען אין „קאפע לייאָנס“ ?

הנ״ל.





„אשא עיני אל ההרים“
סקולפּטור פון בענא שאָץ

עלי זילבערג

## מיין תפילה

גיב מיר כוח גאָט אין הימל,
אויסצוהערן אלע קלאָגן,
פון די אָרימע און קראנקע,
זייער ווייטאָג צו דערטראָגן.

העלף מיר גאָט, זיי צו דערהויבן,
צו ערלייכטן און צו היילן,
שייבק מיר שכל איך זאָל קענען,
מיט די שוואכערע זיך טיילן.

לאָז מיך ניט פארביטערט ווערן,
שלעכט און בייז ווי יענע אלטע,
וועלע קענען מער נישט ליבן,
ווענענס בלוט איז שוין פערקאלכטע.

היט מיין צונג אָפּ פון רכילות,
און מיין הארץ פון בייזן ווילן,
לאָז מיר גלויבן נאָך אין אמת,
און אין אידעאַלע געפילן.

פיל ניט אָן מיין הארץ מיט שנאה,
ניט פארגאָל מיר מיין נשמה,
און אפילו, פון די שונאים,
לאָז ניט נעמען מיר נקמה.

אין די טעג פון יום נוראים,
האָב רחמנות, טאטע זיסער,
מאך מיך נישט ווי יענע פרויען,
מיט די יאָרן — בייזער מיאוס׳ער.

## פריינט פון יידיש לשון — וועסטענד-בראנזש

מיר זיינען זיך משתתף אין צער צוליב
טויט פונם גרויסן שרייבער **שלום אש.**

## ארבעטרינג בראנזש איינס,

באטייליקט זיך אין דעם גרויסן טרויער צוליב טויט פונם בארימטן שרייבער
**שלום אש** — כבוד זיין אָנדענקן.

### י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע*

### 4

אז די מורא פארן אלמעכטיקן דארף ניט אליין צוריק האלטן דעם מענטש פון טוען שלעכטס, אין געהיים אדער אין אינטערנאציאנאלן לעבן, נאר זי דארף אים אויך אנרעגן צו טוען גוטס, זאגט אונז תורת משה. — „ועתה מה ד׳ שואל מעמך כי אם ליראה... אשר לא ישא פנים ולא יקח שחד. עשה משפט יתום ואלמנה ואהב גר לתת לו לחם ושמלה. ואהבתם את הגר כי גרים הייתם בארץ מצרים״: און איצט ישראל, וואס פרעגט דיין אלמעכטיקער פון דיר, אליין נאר צו פארכטן אים... אזוי ווי דער אלמעכטיקער שוינט ניט פערזענליכקייט און נעמט ניט קיין כאבאר. ער פארטיידיקט דעם יתום און די אלמנה, און האט ליב צו געבן דעם פרעמדן ברויט און א קלייד. אזוי זאלט איר ליב האבן דעם פרעמדן, ווייל פרעמדע זייט איר געווען אין לאנד מצרים. (דברים י׳) און מחמת משה רבינו האט ניט די בני ישראל צוגעזאגט א באלוינונג אויב זיי וועלן אפהיטן די עטישע און מאראלישע געזעצן פון דער ציוויליזאציע, נאר ער האט זיי געבעטן זיי זאלן מורא האבן פארן אלמעכטיקן און ליבן דעם פרעמדן אין זייער לאנד ווייל זיי זענען געווען פרעמדע אין לאנד מצרים, האט רב חנינא דערפון געדרונגען אז „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים״: אלעס איז אין דער מאכט פון אויבערשטן, אויסער די מורא פאר אים. (ברכות ל״ג) דאס הייסט: די מורא פארן אלמעכטיקן איז א פרייוויליקע מורא.

א קלארערן געדאנק, וועגן דער פרייוויליקער מורא פארן אלמעכטיקן, געפינט מען אין פרקי אבות. — ווען אלכסנדר מוקדון האט, פאר קנאפע צוויי טויזענט דריי הונדערט יאר, באזעצט ארץ ישראל און זיינע סאלדאטן האבן פארשפרייט צווישן די יידן דעם גריכישן גלויבן פון באלוינונג און שטראף נאכן טויט, האט דער ערשטער פון די חכמי התלמוד, אנטיגנוס איש־סוכו געווארענט זיינע תלמידים „אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס, אלא... ויהי מורא שמים עליכם״: איר זאלט ניט זיין ווי קנעכט און דינען מיטן באדינג צו נעמען א באלוינונג, נאר ווייל די מורא פארן אויבערשטן זאל זיין אויף אייך. (אבות פ״א, ג׳) פארשטייט זיך, מען וועט פרעגן — צו איז א מענטש בכח מיט דער הילף פון א זיך פארגעשטעלטער מורא אונטערצודרוקן זיינע איינגעבוירענע שלעכטע נייגונגען און טוען גוטס? אבער די פראגע איז א טעותדיקע, ווייל לויט דער יידישער מסורה האט ניט דער גייסטיק געזונטער מענטש קיין איינגעבוירענע שלעכטע נייגונגען. די גמרא זאגט — „אלע אייגענשאפטן פון מענטש — זיין א שטארקער אדער א שוואכער, א קליגער אדער א נאר, א רייכער אדער אן ארעמער, ווערן באשטימט אין אויגענבליק ווען זיין מוטער ווערט מיט אים טראגעדיק, אחוץ צו ער וועט זיין א צדיק אדער א רשע. און די מפרשים דערקלערן — „שאין נודע

* דאָס היינטקע קאַפּיטל: אין שייכות מיט ימים־נוראים־און קהלת־מאַטיוון.



רשעו וזכיותיו״: אפילו דער באשעפער ווייס ניט צו דער מענטש וועט טוען שלעכטס אדער גוטס, ווייל עס ווענדט זיך צו ער וועט מורא האבן פארן אלמעכטיקן, און די מורא איז א פרייוויליקע. (סוטה ב׳, תוספות שאנץ) דעריבער האט יעדער גייסטיק געזונטער מענטש די ברירה צו אונטערדרוקן די שלעכטע אידעען פון זיין כח המדמה און טוען גוטס מיט דער הילף פון דער זיך פארגעשטעלטער מורא פארן אלמעכטיקן.

אייגענטלעך איז די ממשות׳דיקייט פון דער גאנצער עקזיסטענץ אדער פון גאנצן קאסמאס — ליכט און שאטן אין אלע ניואנסן, צייט און רוים אין יעדע דימענסיע, ענערגיע און באוועגונג אין אפענער אדער פארבארגענער פארם — א רעפלעקציע פון דעם כח המדמה: די פארשטעלונגס־קראפט. און מחמת עס איז ניט פאראנען קיין מינסטער באווייז אדער אנדייטונג, אז אן אנדערער וועזן זאל זיך האבן פארגעשטעלט עפעס א ממשות׳דיקייט פון קאסמאס, איידער דער איצטיקער מענטש מיט זיין כח המדמה איז געקומען אויף דער וועלט, מוז מען אננעמען, אז דעם איצטיקן מענטשס פארשטעלונג פון דעם קאסמאס איז די ערשטע, ווי אויך, די איינציקע ווירקליכקייט. אגב, זענען אויך די וויסענשאפטליכע חשבונות, אז די ממשות׳דיקע עקזיסטענץ האט זיך אנטוויקעלט אין משך פון ביליאנען יארן, ניט אן אמת אין זיך זעלבסט, נאר א ווירקליכקייט דורך דער פארשטעלונג פון איצטיקן מענטשס כח המדמה... צווישן דעם כח המדמה׳ס פארשטעלונג פון מענטשס ארומיקער עקזיסטענץ מיט אירע קאנטראסטישע נאטור אייגענשאפטן, ווי שווארץ און ווייס, לאנג און קורץ, הייס און קאלט און דעסגלייכן, און דעם כח המדמה׳ס צוגעטראכטע קאנטראסטישע באגריפן פון שיין און מיאוס, אמת און שקר, צידקות און רישעות איז דער אונטערשיד, וואס די קאנטראסטישע נאטור אייגענשאפטן זענען ביי אלע מענטשנקינדער אידענטיש און די קאנטראסטישע באגריפן ווערן פון פאלק צו פאלק, פון לאנד צו לאנד און אפילו פון צייט צו צייט אנדערש אינטערפרעטירט. אבער מארדן אדער רויבן ווערט פון יעדן מענטש, אומעטום און שטענדיק אנגערופן רישעות, און אויסראטן מערדער אדער רויבער ווערט אנגערופן צידקות. דיזעלבע צופאסונג גילט פאר אלע שלעכטע און גוטע מעשים, ווי אויך פאר די אנדערע קאנטראסטישע באגריפן. דאס הייסט: אין עצם אדער עסענץ זענען די קאנטראסטישע באגריפן פון כח המדמה אזוי אומפארענדערלעך ווי די קאנטראסטישע נאטור אייגענשאפטן. נאר מחמת אין דער אנטוויקלונג פון זיין ציוויליזאציע האט דער מענטש די פרייהייט צו באשליסן, וועלכע אביעקטן זענען שעדלעך צו דער אנטוויקלונג און וועלכע נוצלעך, דעריבער איז דער שטארקער אדער קליגער בכח צו פרעטענדירן אדער איינצורעדן, אז פון זיין רישעות וועט ארויסקומען צידקות און פון זיין געגנערס צידקות וועט ארויסקומען רישעות, וואס נאר די מורא פארן אלמעכטיקן קאן אים צוריק האלטן דערפון און אים אנרעגן ער זאל געברויכן זיין שטארקייט אדער קליגשאפט צו טוען גוטס.

מיט זיין שארפער פען האט דער דיכטער פון קהלת אנאטאמיש פונאנאנ־

דער געמומען די ממשות׳דיקע עקזיסטענץ אדער ווי ער רופט איר אן — די פאנטאזיע פון פאנטאזיעס. אין א וועלט מיט קאנטראסטישע נאטור אייגנשאפטן, וואס קיינער קאן זיי ניט פארענדערן, האט ער אנגעוויזן אז די מענטשנקינדער מיט זייער פרייהייט צו טוען, וואס זיי ווילן, הארעווען אלע טעג פון זייער לעבן און עס בלייבט זיי גאר ניט איבער פון זייער גאנצער הארעוואניע. דער מענטש בויעט הייזער, פלאנצט גערטנער, קויפט קנעכט און דינסטן, זאמעלט גאלד און זילבער, אבער בלויז די פרייד פון דער ארבעט האט ער מער ווי דער ליידיקגייער. דער קליגער זעט אלעס פאראויס און דער נאר טאפט אין דער פינסטער, דאך טרעפט ביידע דערזעלבער גורל: דער קליגער לאזט איבער זיין פראצע, ווי דער נאר, און ער ווייס ניט צו א קליגער וועט אים ירש׳נען אדער א נאר. וואו משפט, איז דא פארברעכן און וואו צידקות, איז דא רישעות. דעם צדיק און דעם רשע וועט דער אלמעכטיקער משפט׳ן, און דער צושטאנד פון די מענטשנקינדער, וואס דער אלמעכטיקער האט מאניפעסטירט, צייגט אונז, אז אלע זענען ווי די בהמות, ווייל דער גורל פון די מענטשנקינדער איז אזוי ווי דער גורל פון די בהמות — זיי שטארבן און זיי שטארבן, אלעס קומט פון דער ערד און אלעס גייט צוריק צו דער ערד. ווער ווייס צו דער גייסט פון די מענטשנקינדער גייט אויף אין דער הויך צום הימעל און דער גייסט פון די בהמות נידערט אראפ אונטן צו דער ערד? דעם סיסטעם פון דער וועלט קאן דער מענטש ניט פארענדערן, ער קאן גאר ניט ביי געבן און גאר ניט ארונטער נעמען. דעריבער קומט דער דיכטער פון קהלת צום אויספיר, אז דער אלמעכטיקער האט אזוי געמאכט די וועלט אום מען זאל פאר אים מורא האבן.

און דער אויספיר פון קהלת איז טאקי דער יסוד פון יידישן וועלט באנעם. מחמת מיר האבן ניט קיין מינסטן באווייז אדער אנדייטונג, אז די ווירקליכקייט פון דער ממשות׳דיקער עקזיסטענץ איז אנדערש ווי די פארשטעלונג וועגן איר פון מענטשס כח המדמה, מוז מען אננעמען, אז אויך די פארשטעלונג פון מענטשס כח המדמה וועגן זיין פרייע בחירה איז א ווירקליכקייט. די ווירקליכקייט פון מענטשס פרייע בחירה האבן די מענטשנקינדער שוין לאנג אנגענומען, יעדעס פאלק און לאנד האט פארפאסט געזעצן כדי צו באשטראפן פארברעכער. אבער די שטראפן דערגרייכן ניט געהיימע אדער אינטערנאציאנאלע פארברעכער, און דער איינציקער צוריק האלט פאר זיי קאן נאר זיין, זיי זאלן פרייוויליק מורא האבן פארן אלמעכטיקן וואס האט באשאפן די וועלט. די פראגע איז אבער פארוואס האט דער אלמעכטיקער געגעבן צו די מענטשנקינדער א פרייע בחירה? און דער תירוץ איז — ווייל אויב אלע מענטשנקינדער וואלט געבוירן געווארן מיט דער אייגנשאפט צו זיין גוט און ניט מסוגל געוועזן צו טוען שלעכטס, וואלט קיין שום נאטור געשעענש דערוועקט ביי זיי די אידעע אז עס איז פאראנען אן אלמעכטיקער. פון נאטור קאטאסטראפעס דערשרעקן זיך די מענטשנקינדער, אבער די שרעק איז ניט קיין מורא פארן אלמעכטיקן, נאר דער באוווסטזיין פון פארברעכן פארוואנדעלט די



שרעק אין דער מורא פארן אלמעכטיקן, און צווונגט דעם מענטש צו טוען גוטס. דעריבער, כדי זיך צו אנטפלעקן צווישן די מענטשנקינדער האט דער אלמעכטיקער געמוזט זיי געבן די פרייע בחירה, ווי רב יוחנן האט געזאגט: ווייל משה רבינו האט געבעטן די בני ישראל זיי זאלן וועגן דער מורא פארן אלמעכטיקן ניט טוען קיין שלעכטס און טוען גוטס, איז געדרונגען „אין לו להקב״ה בעולמו אלא יראת שמים בלבד“: עס איז ניט דא קיין אנדערע דערקענטעניש פון אויבערשטן אין דער וועלט, נאר די מורא פאר אים. (ברכות ל״ג.)

## א. נ. שטענצל

### דאס שולעכל

(די באלאדע געווידמעט אונזערע פארחורבטע ווייטשעפל־געסלעך)

צי נאר בלויז דארטן, אין פוילן און ליטע,  
טויזנט און איין שטעטל פארטיליקט, פארשניטן;  
אט־א־דא, אין געסל, אין אייגענעם מיטן,  
ווילאנג איז עס, א יאר מיט א שמיטה —

צווישן הייזלעך א שולעכל געשטאנען,  
שטילינק און באשיידן, צניעותדיק און הייליק,  
און ווען פון דער ארבעט געלאפן ווער אייליק,  
א בליק געטון, זיך דערמאנט, אריינגעגאנגען.

א קדיש, א יארצייט נאך טאטע־מאמען,  
עס האט א געטריי הארץ דער גרוי־פאריאכטער;  
א בר־מצווה, א חתונה פון א טאכטער,  
און די גאנצע משפחה אין פרייד צוזאמען.

נאך שטייט מיר דאס שולעכל פאר די אויגן,  
מיט די רויטע ציגל, דער היימישער בנין,  
געברענגט אים צוזאם מסתם מיטן מנין,  
ווען אין געסל דא זיך אריינגעצויגן.

און אונטער די קראקוועס ס׳ברומען די טויבן!  
זענען זיי נישט פון דער היים מיטגעקומען?  
אין באגינען, איידער נאך שאריען גאנומען,  
שימערן שוין פונם שולעכל די שויבן —

דער פרק משניות, דאס תהלים־זאגן,
דאס צו ווארטן און צו דער ארבעט זיך איילן;
יעדע רגע אויפן זייגער ממש ציילן,
די תפלין נישט צו לייגן איידער ס׳וועט טאגן.

מיטן עין־יעקב בין מנחה למעריב
גייט אויף ווי ריח־נחוח ס׳גאנצע שטעטל;
דער שארפער שמעק־טאבעק פון שנופטאבעק־שקעטל
דעם נידריקסטן מכבד, דעם ווייטסטן מקרב —

איין משפחה זיי וואלטן געוועזן,
ארום טיש אויפהארכנדיק ענג זיי זיצן,
ווי די אויגן גליצן און נייגיריק בליצן —
אקארשט אנגעקומענער בריוו ווערט פארגעלעזן:

„פעם אחת, כ׳בין געווען אין א וועג א ווייטן,
„דאווענען אין א חורבה אריינגעגאנגען,
„צעביסן געווארן פון גיפטיקע שלאנגען,
„וואלט אליהו הנביא מיך נישט באגלייטן.

„ואמר לי, און ער האט געטון צו מיר זאגן:
„פון דער טורטל־טויב דאס ווארקנדיקע ברומען
„נישט אויפהערן ס׳וועט ביז משיח וועט קומען,
„און דערלייזן די וועלט פון אלע אירע פלאגן“.

און ערשט ווען געקומען די אלול־וואכן!
דאס היימישע שטיקל הימל איבער געסל,
אין האנט ציטערט דאס צישנדיקע פרעסל,
אין הארץ די דזשאבנדיקע נאדל געשטאכן —

פול ווערט דאס שולעכל שוין מיט א שעה פריער!
די ברענענדיקע ליכטלעך פארן עמוד
עפעס בלייכער און ציטערדיקער ווי תמיד,
סודותדיק דעם רבינס עין־יעקב שיעור:

„. . . בלוי־קלארער הימל, גרין־גלאנציקע גראזן,
„גאנצע וועלט איין שטיק גרוי־פארגליווערטע אימה,
„א, דאס מלאכים יחפזון־געהיימע
„מן המצר קראתי שופר־בלאזן!



„שוין, דער שטן, חלילה, האלט שוין ביים זיגן,
„פאר אלע מענטשן אויסשפרייט ער זיינע נעצן,
„טוט זיך גאט דעמאלט אויף כסא־רחמים זעצן — — —“
גאנץ שולעכל וויגט זיך אין א סודות-ניגון —

די וויסטע טעג איצט ווען די אלול־טאג קומען:
די הונדערטער שטעטלעך דארטן אויסגעראטן!
בלויז ווער דאס שולעכל דא אין שטיב צעשאטן,
שטיקעלע הימל איבער קאפ צוגענומען?

ווי דעם שול־דאך אין שטעטל די ווילדע ציגן
הפקרדיק צעפרעסן, שעצקעדיק צעריבן,
קיין שמץ שוין פון גארנישט דא געבליבן,
געהיים פארשוויגן הייליק־היימישער ניגון.

א, נישט אזוי שולעכל ווי שטיקעלע הימל,
אז מיר האבן עס נישט געקאנט באהאלטן!
שאטנט עס טונקל אין מיינע שטערן־פארלטן;
ס׳ציט ווי אין א חורבה א שלאנגען־געווימל.

נישט נאר בלויז דארטן אין פוילן און ליטע
טויזנט און איין שטעטל פארטיליקט, פארשניטן;
אט־א־דא אין א געסל, אין אייגענעם מיטן,
טאנצט וויסט אין הארץ א קאראהאד פון נישט־גוטע.

## א ימים-נוראים הלצהלע

מען קוילעט שוין די חזרים אין די קבוצים
פאר „בלוט-ווארשט פעסט“ ווען די דייטשן וועלן קומען,
ווען אין ירושלים אין כנסת־היכל
דער גוטער דייטש, דער בעסטער, וועט ווערן אויפגענומען.

אז די חלוצים זענען זיך אזוי שטארק מתעסק,
גראד איצט די חזרים אויף כשר אויסצושעכטן,
איז וויאזוי א מכבי זיך נאך געפונען
וואס זאל דערשעכטן דעם חזירוק דעם עכטן?

א פארסלינעט אנגעזויפענעם מיט יידישן בלוט,
זעקס מיליאנען מאל בחינמדיק אזוי פארגאסן!
הידד, הורא, ימין, שמאל, שטיל־געשטאנדן,
מען לאדנט די הארמאטן צו די סאלוט־שאסן.

ומועדים לשמחה, א ווארע געמאכט !
די בלוי־ווייסע פאנען פון די פענסטער געהאנגען !
פאר טויער פון ירושלים דער שר המדינה,
מקבל־פנים צו זיין איז שוין ארויסגעגאנגען.

על כנפי נשרים אנגעפלויגן קומט ער,
זיינע כשרע פיסלעך די ערד באלד באטרעטן ;
קוים זיי דערטראגן, נעבעך, דעם „זייט־זשע־מיר־מוחל“,
גרייט פאר מחילה־קוש ביים איבערבעטן —

דאס חזירישע „בלוט־ווארשט פעסט“ אין ישראל,
ווען דער דייטשער אמבאסאדאר וועט אנקומען !
דער „ראשון לציון“ וועט זאגן דעם „רבותי“
ביים בענטשן דאס שלומים-געלט במזומן.

אכט הונדערט און צוויי און צוואנציק מיליאן דאלאר,
פאר גלות־יידעלעך אן אפותיקא — בארעכן !
איך האב נאר מורא, אז מען זאל נישט דאס בלוט־געלט
ביז איין טראפן מיט דער גרינער גאל אויסברעכן.

אז ער זאל קומען, דער טאג פאר אפרעכענען,
מיר האבן געווארט אויף אים און ר׳איז געקומען !
„געלעמט ווערט דער לינקער ארעם“ און דער רעכטער,
„און צוגעקלעפט די טרוקענע צונג צום גומען“ :

ווי בעטלער שטייען מיר נעמענדיק דאס בלוט־געלט,
שטאט אויפשטיין ווי העלדן צו נעמען נקמה — — —
נישט איבער די קדושים־קינדער, איבער אונז
וויינט אצינד מאמע רחל מיט איר „קול ברמה“.

## צו גאט

וויאזוי תפלה טון געקענט, בעטן מחילה
די אלע יאר, אז איך גאר בין גאט נישט מוחל ?
ווי נאר מיינע ליפן זיך געטון באוועגן,
מיין בליק פארלאפן פון א קרעמאטאריום־רויכל.

מיין פארשטיינט הארץ ארויסרייסן פון מיר געוואלט,
און ווי דויד גליתן דיר כאטש טון א שליידער !
ווי גלויביק כ׳בין געווארן אין מיין נקמה,
ווי אמאל א קינד ביים רבינס טיש אין חדר.



שמשון הגבור, נישט דיין תפלה : „אך הפעם“,
כ׳האב מקנא געווען דיינע בלינדע אויגן :
די גרויסע חרפה נישט צו זען, ווי א גאנץ פאלק
שטייט ווי א בעטלער אין דרייען געבויגן.

א, ווי ס׳קריכט דאס אריין אין דעם גלית־פאנצער,
אז מען זאל נישט זען זיין געבויגענעם רוקן — —
גאט, רייס דאך זיי ארויס מיר — מיינע צוויי אויגן,
אויף אלע פיר דאס געקריך נישט צוצוקוקן !

שטיי איך אצינד פאר דיר טיף דערנידעריקט און קליין,
מיין טאטע איז אזוי הכנעהדיק נישט געשטאנען !
ווי קליין מוז דאס זיין א מענטש צו האבן אזא גאט,
וואס מיט זיין שכל שוין ער האט אים פארשטאנען ?

גאט, דו נוקם ונוטר, דו אל נקמות,
דיך שוין צו קענען פארשטיין מיט מיין קליין מוחל — — —
א פארשטמטער אזא שטיי איך אין תפלה פאר דיר,
אט־א־דאס, חנון ורחום, זיי מיר מוחל —

מיין פארשטיינט הארץ פון קנאה, פון נקמה
געלעגן פאר מיינע פיס א געפאלענער שטרויכל,
עס איז נישט ווערט געווען מיטאויפצוגיין פאר דיר,
פאר דיינע אויגן ווי א קטורת־רויכל.

## מלחמה-צייט ליד — 1957

נישט די אטאם — און די וואסער־באמבעס,
און נישט די ווייט־פליענדיקע ראקעטן,
די אלע סובמארין — און פלי־טריקן,
דערשרעקן נישט דאס הארץ פון א פאעטן —
ס׳איז א פריילעך שפיל פון פייער־ראקעטן.

דער טאטע־מאמע מלחמה־אינסטינקט,
פאר מורא שוין מארדעט אייגענע קינדער !
מער ווי אלע באמבעס און ראקעטן,
זיי ווארפן אן אויף מיר די שרעק אצינדער —
אימה־געשריי פון געמארדעטע קינדער.

קריג־געקריך, ווי שלאנג צום שפרונג, שוין שטייט גרייט,
גיפטיק-גרויזאם ווי דער מענטש וועט ער ווערן,
און דער לעצטער וועט ער שוין זיין איצטער!
ווארום פריער וועט דער קריג נישט אויפהערן
ביז אלע מענטשן אויסגעמארדעט ווערן.

נישט די אַטאָם, נישט די וואַסער באָמבע,
נישט זיי ווערן דאָס מיט טויט אויפגעריסן —
מעטעאָרן שטראַלן אויף ראָקעטן!
אָנגעפילט גאַנץ מיט גיפטיקן געוויסן,
מענטשלעך האַרץ — אטאָם־באָמבע אויפגעריסן.

## „כתר — — —"

1

אַלע יאָר דאָס זעלבע און אַלע דורות,
ס׳וועלקט די שענסטע בלום און ס׳געלט דאָס גרינסטע בלאַט,
און פון אַלע גופים ס׳ווערט די ערד נישט זאַט.

אַזוי ווערן נייע וועלטן באַשאַפן,
צווישן די גלגלים רייסט אויף אַ פלאַנעט,
יעדעס טיילכל — אַזאַ ראָקעט־קאָמעט.

ערשט אונזער ערד וועט ווערן אויפגעריסן!
טויזנט וועלטן אין וווּנדערלעכן באַוועג,
אַ, דעמלט דער „איה מקום כבודו"־געפרעג — — —

שרפים אופנים וחיות הקודש
ערגעץ זוימענדל-מענטש זיך פאַרשליידערט האָט!
און אַ האַרץ גייט שטיל אויף מיט תפילה צו גאָט.

2

אַז איינשטיינס מאַטעמאַטישער אַטאָם־פאָרמול,
גאַנצע ערד־טיילן מיט אים שוין אויפצורייסן;
ערשט דעם אר״י־הקדוש הוויה־יחוד,
וואָס יחידי־סגולה מצרף צו זיין בלויז ווייסן —

דער סוד־הצימצום געטראָגן פון אור־כשדים,
ביז צו די קרעמאַטאָריומס פון פוילן און רייסן.

יאָ, דיך טראָגן, גאָט, פון וועלטן צו וועלטן,
מען מוז אַליין קאָנען גיין דורך דערנער און פלאַמען;
יאָ, יענער אחד־געשריי פון רבי עקיבא,
ווען מען האָט זיין גוף געקעמט מיט אייזענע קאַמען —



ערשט די יעלה־יללה, ווען גאַנצע קהלות,
גייען אויף קדוש־השם, בציבור צוזאַמען.

3

זע, אין טויזנט וווּנדערלעכע טירן,
איז קונציק צעשפּיגלט דער לאַבירינט,
בלויז איינע באַהאַלטן זיך געפינט,
פונם פלאָנטער־געשפין אַרויסצופירן.

אין טויזנט וווּנדערלעכע קאָלירן,
ברעכט אויף די בלומען־קאָספּ אין פרילינג־ווינט;
אין אָסיען לעצט בלעטל שוין גרוי פאַרשווינט,
בלויז זוימענדל אירס נישט צו פאַרלירן.

און ווי קורטשענדיק וויאַנעדיק בלימל,
דאָס געפלאַטער ציטערדיק אויף הימל —
זע, עס האָט אַ ציל דאָס שוועלבל וואָס פליט!

טאָ פאַרוואָס נישט וווּנדערלעכסטער געדאַנק,
טויזנטער יאָרן און דורות שוין לאַנג
אין הערצער לעבעדיק זיך אויסגעבריט.

### ש. י. הארענדארף

## ימים-נוראים אין „אמאליקן" ווייטשעפל...

אין חודש אויגוסט 1939, ווען איך בין אנגעקומען קיין לאנדאן, ווי א פליט פון דעם נאציזירטן טשעכאָסלאָוואקיי, האב איך מיך געפילט אין ווייט־שעפל אזוי יידיש־היימיש, ווי אין מיין פוילישן היים-שטעטל. דאס לעבן איז דעמולט נאך געווען אזוי כולו־יידישלעך און פאָלקסטימלעך, כאטש גיי צו צו דעם היכן פאליציאנט און באגריס אים מיט א „שלום-עליכם", און ער וועט דיר ענטפערן מיט אן „עליכם שלום"... אויף דער פאָליציי, ווו איך בין געגענגען מיך מעלדן, האט דער פאָליציי באאמטער ארויסגעהאָלפן מיין דעמולטיקן „ענגלישן לשון", מיט א מין „קאָקני־יידיש", און מיר האבןביידע זיך גוט פארשטאנען.

אין די ווייטשעפלער געסלעך האט געראַיעט א פול, זאפטיק יידיש לעבן. יידיש מאמע־לשון האט דאמינירט דעם „האנדל-וואנדל", ניט ערגער ווי אין די פוילישע, ליטווישע, גאליצישע און רומענישע שטעט און שטעטלעך.

די ווייטשעפלער גאסן זענען דעמולט נאך געווען באהאָנגען מיט גרויסע, שרייענדיקע אפישן „לשמוע אל הרינה ואל התפילה", און די חזנים האבן אין די סוף־זומערדיקע פארנאכטן, ביי די אפענע קליינע פענסטערלעך, אויסגע־פרוווט זייער נגינישע „כלי".

דאס יידישע טעאַטער „גרענד־פּאלעי״, אויף דער קאַמערשל־רויד, האָט שוין געהאַט אַנאָנסירט דעם נייעם „ווינטער־סעזאָן״, מיטן נאָמען פונם „סטאַר״ און די פּיעסע, וואָס וועט געשפּילט ווערן לכבוד די „פּרעמיערע״.

די שטימונג איז, דעם אמת געזאָגט, שוין געווען אַ פּאָליטיש־געשפּאַנטע און אַן „אָנגעצויגענע״, ביז גאָר. אָבער עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלן אַ טראַכט צו טאָן, אַז די מלחמה־סכּנה איז אַזוי גרויס און אַזוי נאָענט; אַז די נאַצישע מלחמה־שׂרפה וועט זיך אָנהויבן אין אַ ליאַדע טאָג, און אַז דעם 1־טן סעפּטעמבער פון דעמזעלביקן יאָר, וועט היטלער אַריינמאַרשירן קיין פּוילן און עס וועט זיך אָנהויבן דער מוראדיקער חורבן פון פּוילישן יידנטום־פון אונדזער פאָלק!

אין דער טעגלעכער יידישער צייטונג „די צייט״, האָב איך מיך באַקאַנט מיטן שעף־רעדאַקטאָר, מאָריס מייער, ע״ה, און מיט די מיטאַרבעטער, וואָס זענען דעמאָלט געווען באַשעפטיקט אין דער צייטונג. עס איז נאָך דערשינען די „אָונט־נייעס״, וואָס פלעגט צעכאַפּט ווערן פון דעם נייגעריקן יידישן עולם, וועלכער איז געווען זשעדנע נאָך יידישע נייעס; געלעבט מיטן ריטם פון דער גרויסער יידישער צעשפּרייטקייט איבער דער גאָרער וועלט...

ווייטשעפּל איז אין יענע יאָרן געווען דער באַראָמעטער פון יידישן לעבן, ניט בלויז אין לאָנדאָן, נאָר פון גאַנץ מלכות ענגלאַנד.

ס'איז געווען אַ באמת פול־בלוטיק יידיש לעבן, בחנט מיטן אַראָמאַט פון כּולו־יידישקייט...

עס דערמאַנט זיך אין דעם אומהיימלעכן ערב יום־כּיפּור, צו כּל־נדרי, פון דעמזעלביקן יאָר, 1939, אין דער לאָנדאָנער שול אויף נעלסאָן־סטריט, וואָס איז געווען איבערגעפּולט מיט אַן עולם יידן, איינגעהילט אין טליתים. הרב שפּעטמאַן האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה, אין שייכות מיטן מלחמה־חורבן, וואָס דראָט דעם פּוילישן יידנטום, ווי אַ פּועל־יוצא פון היטלערס אַריינמאַרשירן קיין פּוילן. דאָס נאַצישע מלחמה־פייער האָט שוין געפלאַקערט אין די פּוילישע שטעט און שטעטלעך און דער ריטלעכשער מולך האָט אָנגעהויבן צו זייען טויט, שרעק און פאַרוויסטונג צווישן דעם דריי מיליאָנעדיקן יידישן ישוב און פּוילן.

אין לאָנדאָן האָט מען דעמאָלט שוין אָנגעהויבן צו שפּירן דעם „טעם״ פון דער מלחמה. מען האָט געבויט די אונטער־ערדישע באַהעלטענישן („שעלטערס״), כּדי זיך צו „באַשיצן״ קעגן די נאַצישע באָמבעס. עס איז איינגעפירט געוואָרן דער „בלעק־אַוט״, און די עוואַקואַציע פון הונדערטער טויזנטער פרויען און קינדער, אין די פאַרוואָרפנסטע ענגלישע שטעטלעך, איז שוין געווען דורכגעפירט.

די באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן צו לעבן מיטן „ריטם״ פון דער מלחמה...

אָבער דאָס יידישע לעבן איז אפילו אונטער די דעמאָלטיקע באַדינגונגען — ניט פּאַראַליזירט געוואָרן. אין די קליינע שולן און בתי־מדרשים האָבן יידן



געדאַוונט און געלערנט תּורה. געשמועסט וועגן „פּאָליטיקע״ און אויסגעטייטשט, אויף זייער שטייגער, ווען היטלער וועט איינגעמען אַ מיתה־משונה, און ווען די מלחמה וועט זיך „קינטשען״... און עס איז געווען דעמאָלט די גרויס בלי־צייט פון „די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס״. זיי האָבן אויפגעהאַלט די מאָראַל אין דער יידישער גאַס.

דאָס יידישע ווייטשעפּל האָט, אונטער די ערגסטע מלחמה־באַדינגונגען, געהמשכט דאָס יידישע לעבן, צוגעפּאַסט צו דער מלחמה־צייט. אפילו די עוואַקואַציע פון טויזנטער ווייטשעפּלער תּושבים, מיט יידן בתוכם, האָט ניט פאַרענדערט דעם לעבנס־סדר פון אַט דעם אייגנאַרטיקן לאָנדאָנער ווייטשעפּל, וואָס איז אין די שפּעטערדיקע מלחמה־יאָרן געוואָרן דאָס ציל־ברעט פון די נאַצישע באָמבאַרדירונגען און חרוב געמאַכט צענדליק טויזנטער הייזער.

ווייטשעפּל איז פאַרבליבן פעלזן־פעסט און פאַרעקשנט, ניט וועלנדיק אָפּטרעטן פון זיין פּאָזיציע... מענטשן האָבן, ניט געקוקט אויף זייערע באָמבאַרדירטע היימען, גע'המשכ'ט זייער האַנדל־וואַנדל־לעבן ביי טאָג, און פאַרגעזעצט זייער לעבן ביינאַכט־אין די „שעלטערס״, ביז צו די נייע באָמבאַרדירונגען... און ווען „די צייט״ איז געוואָרן דערשטערט פון אַ דייטשבאָמבע, האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען „לשון און לעבן״.

אַזוי איז געפלאָסן דאָס יידישע ווייטשעפּלער לעבן אין יענע מוראדיקע מלחמה־טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן...

מיט עטלעכע טעג צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין ווייטשעפּל און געמאַכט אַ שפּאַציר איבער די אָרטיקע גאַסן און געסלעך, זוכנדיק די שפּורן פון דעם אַמאָליקן יידישן לעבן־פון מיט אַ צען יאָר צוריק, און־ניט געפונען!

געווען און־ניטאָ...

פאַרשוואונדן, אונטערגעגאַנגען אַ שטיק, פול־בלוטיק יידיש לעבן, וואָס האָט דאָרט געגעסטיקט אין משך פון צענדליקער יאָרן... עס עקזיסטירן מער ניט די אַמאָליקע יידישע פאַריינען (מיטן „אַרבעטער רינג״, אויף עלי־סטריט, וואָס האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אַנדערן מקום); עס זענען נעלם געוואָרן די אַן אַ צאָל בתי־מדרשים און חסידישע „שטיבלעך״; ניטאָ מער די יידישע קאַפע־הייזלעך, וואו עס פלעגן זיך צונויפטרעפן יידישע אַקטיאָרן, שרייבער, כּלל־טוער און סתם בּודניקעס.

אין די קליינע יידישע געסלעך, ווו עס האָבן אַמאָל געוווינט אָרעמע פאַרהאָרעוועטע יידישע באַלמעלאָכעס, הויזן איצט נעגער, אינדיער, מאַלטעזער, כינעזער און פון אַנדערע נאַציעס. די געסלעך ראָיען ממש מיט זונות און אַלפאָנסן; פון „שטאַרקע יונגען״, מיט מעסערס און קינזשאַלן, וואָס פאַרמעסטן זיך מיט זייערע קאָנקורענטישע „פּימפּס״, וואָס ווילן האָבן די העגעמאָניע איבער זייערע „כּלות״, וואָס האָבן אויפגעשלאָסן זייערע „מעלינעס״ און „געצעלטן״ אין די סביבות פון די אַמאָליקע יידישע איינוווינער, וועלכע האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין אַנדערע מקומות.

ווייטשעפּל איז אין די לעצטע יאָרן געוואָרן א ביטערער יורד...

די דאָרט נאָך פאַרבליבענע יידן ווילן ניט רעזיגנירן! זיי קעמפן קעגן דעם בייזן גזר פון דער, אפשר, פאַראיבערגייענדיקער תקופה. זיי האָבן, בשותפות מיט זייערע ענגלישע, ניט־יידישע שכנים, אונטערגענומען א קאָנצענטרירטן אנגריף קעגן דער אויסגעלאָסנקייט, וואָס נעסטיקט אין זייערע געסלעך. דער קאַמף ווערט, האָפן מיר, געלונגען. ווייטשעפּל וועט, סוף־כל־סוף, אויסגערייניקט ווערן פון דעם הפקרישן זנות. אָבער דאָס יידישע לעבן וועט אין ווייטשעפּל ניט באַנייט ווערן!

דאָס איז אויך א גזר פון דער קעגנוואַרט.

צוזאַמען מיט דעם יידישן „באָרג־אראָפּ", איז אויך ווייטשעפּל געוואָרן א ביטענער קרבן פון די צייט.

ניטאָ מער די גאַטספאַרכטיקע ימים־נוראים שטימונג, וואָס האָט מיך באַהערשט אין ווייטשעפּל, ממש קוים 18 יאָר צוריק...

## שמואל ווהייט

### אוי־ווי (אַ תפילה)

איך שטיי נאָכאַמאָל פאַר דיר
מיט הכנעה געבויגען
א מידער אַ פאַרשעמטער —
מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן.

ווי וואָג איך אין שוואַרצען הולך
פאַר דיין ליכטיגקייט צו שטיין?
רייסען זיך צעריסענע זיפצען
און א פאַרצווייפעלטן געוויין.

ווי קען איך ווערטער געפינען?
רייסט זיך בלויז אַן אוי און אַ ווי,
וואָס לעכערט שטילקייט אין מיין תפילה
אוי! ווי! מיט פאַרצווייפלטן געשריי,
אוי ווי — אוי ווי...

### טאַוער ברידזש

עס שפּיגלט זיך דער גיגאַנטישער געבוי
אין די רואיקע וואַסער־וועלן;
די בריק עפנט אירע מאַסיווע פליגל,
דעם שיפן־פּאַרקער נישט אָפּצושטעלן.



די סירענעס הילכן אַפ הויך און ווייט,
זיי ברענגען גרוסן פון פרעמדע לענדער;
די הייב־מאַשינען באַוועגן זיך שנעל,
לאָדן סחורות אויס, מיט קייטן־בענדער.

ביי די ברעגעס טורעמען זיך פעסטונגען
מיט הערלעכע אַלטערטימלעכקייטן,
זיי באַהאַלטן אין זיך סודות —
טראַגעדיעס פון אוראַלטע צייטן.

די טעמזע פאַרשלינגט זייערע סודות,
באַהאַלט זיי אין איר טיף־שוואַרצן אָפּגרונט;
בלויז אין פינסטער־שטורעמדיקע נעכט
הערן זיך זיפצן אין רוישיקן ווינט...

## משה דאַמב

### לאָנדאָנס גרעסטער באָרג

אז מע דערגרייכט דעם שפּיץ פון לאָנדאָנס גרעסטן באָרג, דערזעט מען ערשט פון ווייטענס דאָס גראָע, טאָג־טעגליכע לאָנדאָן, מיט די קופּעס צוזאַמענגעקוועטשטע גראָ־אַשיגע הייזער, ווי ריזיקע איינטאָניקע מצבות, מיט ציגל־רויטע, סאָווע־אין פלעדערמויז נעסטיגע קוימענס, ציטרין קאָלירענדיגע צעמענטענע שינדל־דעכער, מיט איינהייטליכע ענליכקייט און איינטאָניקייט פאַרן אויג!

דער אַממייסטן פּראַקטישער באַנאַליסירטער רוישיקער טייל פון לאָנדאָן איז די מעריב־סיטי, דאָרט ווימעלט און שוויבעלט מיט האַנדעל־וואַנדל, באַנק־הייזער. האַנדעלס־הייזער; דאָרט שנייט זיך און דרייט זיך דער טייך טעמס ווי אַריזיקער אַרטעריע אָדער, עס שווימען טראַטוועס מיט שמעקענדיג געהילץ, עס טייען זיך געקייטעלטע באַרזשעס מיט קוילן, שיפּען מיט הויבערס אין אַנטענעס מיט לייטער־מאַסטען און עלעווייטערס שלעפּערס. ביי די ברעגן פון טייך שטייען, ווי ריזיקע הימעל־שטייגענדע באַטשענעס, הויב־אין שלעפּ־מאַשינען פון שטאָל אין אייזען, די שיפן אַנקערן מיט א מאַרודנע פּזרבײנקטן סירעניגן קוויטש, וואָס הילכט אַפ ווייט ווייט. איבערן וואַסערערדיגן שטראָם. די שיפן דערנענטערן זיך צו די שנאָבלן פין די שלעפּ־מאַשינען, וועלכע לאָדענען סחורות אין די ריזיקע פּאָרט־הייזער. אויף אַסך געביידעס זענען אויסגעקריצט מיטאָלאָגישע פיגורן פון נימפן און סירענעס; וואָס קוקן צום טייכעשן פּליסקען און פּאַטשעריי; ביים לינקן רעכטן ברעג — ווי די גרוי־מוירעשע לעגענדאַרישע פיגורן וואָלטן קאָמאַנדיוועט מיטן וואַסער־שטראָם און כסדר באַפוילן: „פּאַטש. פּאַטש, דו טייכעשער ריז, אַנטלויף פון דאַנען; ווייל דאָ איז אַלעס אומעטיק גרוי און מיאוס"...

אזוי ווי ס׳טייכעשע איילעניש אין געלויף, אזוי לויפן אין איילען זיך הארעפאשנע ארבעטער, מיט צעטרענצלטע בגדים; עלעגאנטע מענער מיט שטייפע שווארצע דאנדי־הוטן, שווארצע גוט געפרעסטע בגדים, שטייפע ווייס־גלאנציגע געקראכמאליעטע קעלנער; מיט פאלקא־געשפרינקעלטע שניפסן און שלייפן, מיט שלאנק־שווארצע אלט מאדישע שירעמס ביי די רעכטער זייט.

שיינע בלא־גרין טונקל אויגיקע, מיט צארט געפארעמטע־ביוסטן, ביוראליסטנס, קעלנערינס, פלעגערינס, סתם ארבייטער מיידלאך, מיט שנעלע אויסגעספארטעוועטע פולקע־פיסלאך, הויכע שוך־קלעצלאך מיט פיטשענקע בלישטשענדיגע שטאלענע בליאשקעלעך, גלייך ליניגע גראציעזע באוועגונגען, שטאלצע רעזערווירטע פארשעמטע פנימר, כוואלענדיגע געקרייזעלטע און גלאט פרום פארקעמטע עכט בלאנדע האר, ווי דאס בלאנדע ליימיקע וואַסער אין טייך טעמז. זיי איילן שנעל־שנעל, וואס גיכער אוועק און פטור ווערן פון די אט רוישענדע גרויקייט; זיי איילן צו די פארשטעט פון לאנדאן וואו ס׳זענען פארקן אויבסט־סעדער, בלומען סעדער, אזערעס און ריטשקעלאך, שלענגלדיגע בערגלאך וואו מ׳צעשפרייט זיך אַ ווילד־גראַזיגער באבלימעלטער און אלער־ליי בוימער־ריח. ס׳יאגט א שטילער גן־עדנדיקער סעפיר, ווי פון בשמים בוימער. מען זעט הונדערטער מינים ווערעמלאך, פליגעלאך, אינזעקטלאך, גרעזעלאך, בלעטאלאך, שטענגלאך, וואַסער שטיינטלאך, שלימאַק־בורשטינע שיסאלעך, חיהלאך, פויגעלעך. זומער פויגעלאך קריכען, פלאטערן, שפילענדיג און שטיפען, פליען שפרינגען, סוויטשן, גלאנצען, שימערירען, טרילערן, שפילען און זינגען. דאס אלעס פרישט אן, קילט און הילט סודותדיק אין זיך און ארום זיך. די אויגען ווערען גרעסער און דערוואכען און ווילן וואס מער און מער זען און קוקען און שלינגען אזוי לאקט און ציט, צו די גרין מאלערישע ווייט־קייטן, וואס רינגלען ארום דעם העיגעטס־בארג; מען זעט ווי ס׳מיגעט און פינקעלט, פון צווישען די גרינע ווייטקייטן דער גוט אספאלטירטער צפון־שאַסיי, וואס פירט צי אסך פון לאנדאָנס פארשטעט, וואו ס׳ווינען פיל יידן.

אויף לאָנדאָנס גרעסטן בארג, העיגעטס, האב איך באגעגענט אַ ווייטשעפּ־לער ייד, כ׳האב אים געטראפן, אויף דעם גוט קולטיווירטן בארג־פארק מיט אַלאנגע פריצישע־הויפישע אַזיערע אינדערמיט, מיט ווילד באוואקסענע זשאבע אין שלאם גראזן; בערגישע צעצווייגטע צעקריפעלטע וואסער־קוסטעס. באלד דערנעבן געפינט זיך אן אפן לופטיקער מענער־באד, וואס דערמאנט אסך דעם גריכיש־רוימישן קולט; פאר בעדער אין קערפער קולטור מיט דער אויסגעספארטעוועטער קערפערליכע מענער פעסטקייט; דארט שלענגלען זיך. אליוו טונקעלע הויטיגע מענער; מיט גאלדיג אין ניקלדיגע צלמים קייטעלאך אויף די צונטער גוישע רויטע העלזער; מיטן בילד; פון הייליגן קריסטאפער, דער פאטראן וואס פארהיט איינזאמע וואנדערער פון שלעכטס; זייער סטאיש־ענגלישע דיסציפלינירטע רואיקייט און שווייגניש איז מערקווירטיק און כא־ראקטעריסטיש צווישן אזא מענשן פאנאראמע מיט נאקענטע קערפערס.



דא מערקט זיך און זעט זיך אן דער איינציגער ייד וואס הייסט **יאקאוו**, ער איז שוין קרוב אַ זיבעציגער זיין פעסט געבויטער גוף, איז קופער־ברוין, פון די זון־שטראלן, ער איז שטארק ווי אַ גראניט־שטיין, ער הייבט שווערע אייזערנע אַקסן, מיט שטאָלענע גרויסע רעדער, ער שטעלט זיך אויפן קאפ, אויף די פעסט אדערדיגע הענט, וואלקעוועט זיך מיט יונגע שקצים, קוועלט פון זיך רופט הויך צו מיר אין יידיש: „און יעצט ווייזט איר וואָס איר קענט ...“ עטליכע אלטע מענער, רינגלען אים ארום, זייערע פארגאפטע תמעוואטע פנימר זענען פול מיט קנאה און חשק צו שטארקייט, ווי זייערע פראסטע בליקן וואלטן וועלן זאגן, — „זעט נאר זעט נאר, וואס אן אלטער יידטשינע קען נאך“...

יאקאוו שטריינגט זיך מיט שטאלץ, ווייל ער ווייסט וואס זיי דיינקן אין זיך, ער ווייזט זיי שטיקלאך און קונצן; צום סוף מאכט ער אפנים גרימאסע ווי ער וואלט וועלן זאגן: „נא, מאַכט איר אזוי, אהא?“...

צווישן גויישן געדראנג און מיש־מאש מיט אַ קאַליידאָסקאָפּ פון נאקעטע גופעם, מיט שאטירונגען און ניואנסן, פון געל־שווארץ־בלאנד שפּאַקיש־פארקעמטע שקצישע שרינטן און גזשיווע לאקן, איבער די נידריגע שטערן־ווינקלען, מיט פארדרייטע יעזוס־מעדאַליאנען, איבער די הויט שיילינדיגע אפגעברענטע פלייצעס און זון־שטראלן פינקלדיגע פון ניקלדיגע צלמים־קייטעלאך, דערזע איך פלוצלונג פון ווייטענס, ווי דער בארגישער ווינט צעיאגט און שליידערט און שעמרירט שפילעוודיג, מיט די בלעטער פון אַ יידיש בוך, וואס יאקאוו האט מיט זיך מיטגעבראכט, א ציטער ווי אַן עלעקטרישער שטראם גייט מיר דורך אלע אברים, ווען כ׳דערזע אויפן שער־בלאט: „נעדרוקט אין ווארשע פארלאג גיטלין“, מיט היימיש פוילישע אויפשריפטן. אַ שטיק פאר־גאנגענהייט האט זיך ווי אַוויקל געטאן פאר מיינע אויגן, א שיינענדיגער בליאסק ווי כ׳וואלט דערזען אויף דעם דא גאר פרעמדן בארג, דאס יידישע ליבע **ליטעראַרישע ווארשע.**

יאקאוו איבער רייסט מיין זיסע וויזיע, מיט די ווערטער: „דאס בוך האב איך געבראכט פון ווייטשעפעל, ווען איך האב מיך **איבערצויגען פון דארט** אין די מלחמה צייט; „דערביי גיט ער אטיפן קרעכץ: „אסך מאל בענק איך צום יידישן ריח און הו־הא, פון די שמאלע געטא־געסלאך אין ווייטשעפעל“; זיינע טיפע אויגן ווערן אומעטיק פארגרויט, ער קוקט ווייט ווייט איבערן בארג, עטעמט שווער, מרוזשנדיג מיט די אויגן לעפלעך, שווייגט א ווייל ווי וועלנדיג זיך אין עפעס דערמאנען. גיט א קנאק מיטן גראבן פינגער און באלד באווייזט זיך אויף זיין פנים, א געמאכט קליגעריש שמייכל ווי זיינע אויגן וואלטן וועלן זאגן: אוי אוי ווייטשעפעל, ווי ליב און טייער ס׳זענען מיר די טיק־טאקן, פון זינגערס אלטע ניי־מאשינען ביי מיין טאטן אין הויז...

יאקאוו איז שוין עטוואס פארענגלישט געווארן. ביי יעדן ווארט, אז עס גייט אים גוט, זאגט ער מיט כוונה: „ריר דאס האלץ“. ריר דאס האלץ; איז א קריסטליך ווערטל וואס שטאמט פון האלצענעם צלם; ווי להבדיל ביי יידן מען זאגט, קיין עין־הרע. אדער ביי יעדן שמועס זאגט ער אין ענגליש: געלויבט

דעם אויבערשטן... ער ווייס אפילו נישט אז דאס יידישע אין אים קרישלט זיך און ברעקלט זיך. ער ווייזט מיר מיט זיין אדערדיגע האנט, ווי ער זיצט אפט ביי די ברעגן פון די אָזיערע, צוזאמען מיט שקצים און כאפט פיש. ער ליבט דאס טרילן, פון די היימישע שווארצע זינג־פויגל מיט די אראנזש קאלירטע שנאבלען, ער ליבט געפרעגלטע פיש, מיט געפרעגלטע ווייס־ברויט מיט פוטער, שטארקע טיי מיט מילך; א געווענזלטן און געפרעגלטן הערינג מיט ציבל, אלץ ספעציפיש ענגלישע מאכלים.

רעדנדיג אזוי פארקוקט ער זיך פארבענקט, אויף די מעקנדיגע קראסע, ווייס־רויט געשפרינקלטע קיען, וואס פאשן זיך ביי די אזיערע ברעגן, דאס דערמאנט אים פון אמאל א מאל, ביי די ווייטע ברעגישע לאנקעס, נעבן בלאגרינעם שיינעם טייך ניעמאן. אַ ציטערדיגע פרייד, צעשווימט זיך אויף זיין ברוין פנים ווען ער דערזעט פלוצלונג, זיין אייניקל רייטנדיג אויף אן אלט גוט אפגעארבעט, דארפיש פערד. זי רייט צוזאמען מיט אסך דארפישע קריסטליכע מיידלאך, ער הויבט הויך זיין האנט, און שרייט מיט א ציטערדיג קול: „בעאטריץ, בעאטריץ — קום, קומזשע א הער מיין טייערינקע"... זיין זעכצן יעריגע אייניקל קומט פארשעמט צו רייטן, צוזאמען מיט די ווייצן־בלאנדע מיידלאך, זי איז יידיש שיין־באחנט, אירע קאשטאן־קאלירטע האר זענען פארקעמט ווי ביי א פערדישן וויינדל־צעפל, מיט אַ עמעראלד קאלירטן פישביין בויגן איבערן קאפ־האר, עטליכע הערליך מוסקען זיך איבער אירע ליפשטיק געפארבטע ליפן, א ניין קאראט גאלדן קייטעלע, מיט א פיטשינקע גראווירט מזוזהלע, בלישטשעט און שעמרירט פון איר אנגעצויגענעם קרעטיק זאמזשענעם — רייטער קאפטאן, די שלאנגע פיסלאך מיט ספארט רייטערהויזן, שלענגלען זיך איבערן פערדישן בויך. ווייס־זיידן קראטקענע הענדשקאלאך, אויף די שלענגעדיגע הענטלאך, מאכן בולט א בלישטשענדיג גאלדן קייטעלע; מיט פיטשינקע פינקעלדיגע מטבעות, ווי איינע פון די געליבטע ביי דעם לעגענדארישן אלי־באבא. ווי נאר דער זיידע דערנעענטערט זיך צו איר אין רופט זי מיט אצעשמייכעלט פנים: „ברכלה, ברכלה, קרוין, זאגזשע מיר, וואו אהין רייטס דו יעצט הא?"... ווי זי דערהערט דעם זיידן אזוי רעדן צו איר, גיט זיך איר פנים אפארקרום, מיט א אראגאנטע גרימאסע, דער ווינד מוסקעט עטליכע הערעלעך איבער איר שיין פנים און זי קיצלט דאס פערד מיט די פיסלאך, דאס פערד פארצירקלט זיך פויל; אויף איין ארט, זי ענטפערט גאר נישט דעם זיידן, פארבייסט נערווייאיש מיט די ליפעלעך און האלט אין איין שטופן, קאפן, קיצלען דעם פערדישן בויך, כדי וואס שנעלער און שנעלער אוועק פון דעם ארט ווי דער זיידע שטייט, די שיקסישע בלאנדע קעפלאך זענען עטוואס פארבויגן, די אלבאסטער ווייסע פנימלאך, פארשוויגן, ווי זיי וואלטן זיך פארשעמט פאר זייער חברטע בעאטריץ, יאקאווס אויגן ווערן אומעטיק פארטרויערט און וואנדערן מיט שרעק נאכן אייניקל איבערן בארגישן פעלד.

יאקאוו ווייזט מיר שיין באפוצטע הייזקעס, וואו עס וווינען יידן; יעדער



הייזקע האט א סימבאלישען נאָמען, ארום זענען, פול מיט צעצווייגטע בוימער, צווישן די בוימער געפינט זיך דער בארגישער קלויסטער, אפט הערט מען פון דארט דעם שטיל פארביינקטן נשמה ציענדיגן גין־גאל־קלאנג פון דעם דענעבנדיגן קלויסטער, אויסגעמישט מיטן בוימישן שארכן און אפגעבערענטן גראזען ריח. א קוויטשענדיגער עכא פון יאקאווס טאכטער מישט זיך אויס מיטן קלויסטער קלאנג, ווען זי רופט איר טאָכטער „בעאטריץ, בעאטריץ; קום; קום, אין שטוב אריין אבער שנעל, שנעל"... דאמאלט פארבייסט יאקאוו די ליפן און שווייגט פארטרויערט און פארטראכט ווי ער וואלט וועלן אויסדריקן זיין צער און צארן: „זיי גייען דאך אוועק פון יידישקייט, א, גאטעניו!... ווי איז מיר כ׳בין דאָך עפעס פון ווייטשעפל"...

יאקאוו גיט זיך ווי אַ כאַפּ אויף פון שלאף, גיט א האסטיגן מאך מיט דער האנט ווי ער וואלט מיך וועלן דערמאנען אז דא נישט ווייט אויף דעם בארגישן דארף, איז דער פראטעסטאנשישער בית־עולם, דארט איז דער קבר פון קארל מארקס; דאָס איז שוין זיין יידישער שטאָלץ, אָנצווייזן, אָט דעם מאַרקס־קבר יעדן אַרויפקומענדיק אויפן הייגעט־באַרג...

איבער דעם פעלדישן וואסער שטיינערדיקן מיט געלן זאמד געמישטן וועג איברן בית־עולם, טייען זיך פון ווייטן קאנטורן פון דעם ריזיקן מארקס דענקמאל כ׳באמערק דא פרעמדע מענשן. מען הערט דא פרעמדע שפראכן אין די הענט האלטען זיי נאטיץ ביכלאך, דאס זענען אויסלענדירשע שרייבער און זשארנאליסטן, יונגע פרויען און מענער, זיי פארקוקען זיך אויף דעם מארקס דענקמאל, איך דערמאן זיך אזוי האב איך אים געזען אין טאשקענטער אין קארל מארקס־פארק אבער דא איז זיין פיגור נישטא, נאר בלויז אגרויסער ביוסט, אויף א גרויסן ווייס־טונקל געשפרינקעלטן מארמארנעם שטיין. זיינע טיפע אויגן לעכער קוקען שטריינג און בייז; צו דער צפון־זייט פון פארק, ווען כ׳האב געזען אין רוים, מיכאל אנגעלאס ווערק „משה", האבען זיינע אויגן געקוקט אומעטום, און זיין פנים ווי געלעבט, זיין מויל ווי מיט ווערטער, אבער ביי מארקסעס דענקמאל זעט מען דאס נישט, דער דענקמאל מאכט א איינדרוק ווי קינדער וואלטן אויסגעוועלגערט אַ ריזיקן שניי־באלוואן און ארויפגעזעצט עפעם א קאפ אויף דעם, מיט אויגען פון האָלצערנע ברען קוילן, מיט א ציגעקלעפטע קאלטענעוואטע בארד, מיט אן איינדרוק ווי אט אט, האלט דער שנייעיגער ריז צוצעפאלן און צעגיין ווי שניי, די פרועמדע מענשן זענען פאגאפט און פארקוקט אויף די אויפשריפטן זיי באמערקען נישט דאס אלעס.

אויבען ביים ביוסט איז אויפגעשריבן מיט גאלדיג געפארבטע אותיות: „פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניגט אייך"; אין מיטן פון מארמאר דענקמאל איז אויסגערעכענט מיט שווארץ־געפארבטע אותיות, ווער עס ליגט דא אין דעם קבר: די ערשטע איז מארקס ווייב, זשענא פון — ווען סטפאלן, נאך דעם, קארל מארקס; געבוירן דעם 8־טן מאי 1818 געשטארבן אדר 14 1883, זיין אייניקעל הארי, פינף יאר אלט, ווען געשטארבען, זיין דינסט,

העלענע דעמאט; זיין טאכטער עלענארא מארקס, נעבן די משפחה נעמען איז אויפגעשריבן מיט גאלדיג געשמירטע פארב: „די פילאָזאפן האבן אויסגעטייטשט די וועלט אין פארשידענע געדאנקן, און דיכטונגען, אבער דער־עיקר איז צו ענדערן די וועלט”. „קארעל מארקס” אט נעבן דער דאזיקער שורה גאר אונטן אויפן דיל פון דענקמאל, שטייען ארדענע בלומען־טעפלאך מיט כיזאנטעמען, אויפגעשריבן אויף אפאפיר: „פון די וויקטאָריע באנ־ארבייטער אין אויסטראליע”.

ארום דעם דענקמאל וואקסען ווילדע צעקנאָדערטע גראזן. פון צוויי אויסלענדער הער איך אפגעהאקטע ווערטער: „ער איז גרויס... אבער זיי דארט... האבן אים צעקרישילט”... די קברנים פון דעם בית עולם וואכן כסדר ווען פרעמדע קומען באזוכן דעם קבר, זייערע פנימער זענען אינטילעגענטע, זיי זענען העפלעך פיין, זייערע אויסדרוקן זענען שטאלץ, וואס דער העיגעט בית עולם האט די זכיה צו האבן דעם קבר פון מארקס. קעגענאיבער, מיט עטליכע טריט פאָרויס פון מארקסנס קבר, איז אַקבר פון א קריסטליכן הייליגען, און אויפן פלאך פון מארמארנעם קבר, בלאסקעט א ווייס אלבאסטער, — געשטאלט מיט אגאלדיק אויפגעשריבענעם אפאריזם: „אלע נשמות זענען אין די הענט פון גאט”...

דער העיגעט בארג מיט זיינע שיינע הייזלעך, פארקן און הימעלשטייגנדיגע בוימער, העלפט די נשמות צו דערגרייכן צו גאטס הענט און פון דארט קוקען זיי מיט בלישטשענדיגע צעפיעשצשטע אויגעלאך, ווייט ווייט — אוועק, וואו מען קען זען דעם פראכט פון לאנדאנס גרינע פארשטעט.

## ש. זאלקין

### מיין טאטן צום אנדענק

אָט זע איך דאָס שטעטל, די זאַמדיקע גאַסן,
פרייטיק פאַרנאַכט מיר גייען אין שול,
דו גייסט צו צום עמוד זינגסט „לכה דודי”
דאָס האַרץ איז מיט הייליקייט פול.

אין הימל זיך וויגן די שטילע געזאַנגען,
מלאכים עס הערן דיין קול — —
אָ, פאָטער, דער ווינט ברענגט די קלאַנגען,
וואָס דו האָסט צעוויגט אין שטעטל אַמאָל.

**אין טיפן צער** טרויערן מיר אויפן פליצלינגדיקן טויט פון אונזער ליבן יוגונד־פריינט און חבר

**נתן גוטער**

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיל צו זיין ליבע פרוי אין די זין און טאכטער מיט זייערע משפחות.

**נטה** און **חנה קאופמאן**



## מ. בעקערמאן

### די געפאר פון שפילן שאך אין א הייסן זומער־טאג

אויב איר האָט בדעה זיך אוועקצוזעצן און שפילן שאך, כדי צו פארגעסן אייערע טאג־טאגלעכע דאגות, בעט איך אייך, אין אייערע אייגענע אינטערעסן, קודם־כל זיך צוצוהערן מיט קאפ וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט געטראפן, רחמנא לצלן, מיט צוויי שאך־שפילער.

מיינט נישט, אז בלויז ווען מען שפילט פוטבאָל, קען מען אמאָל כאפן אַ כמאל פון באל איבערן קאָפּ אָדער אין הארץ אזוי, אז מען זאל דערזען די עלטער־באָבע פון יענער וועלט. צי ווען איר לויפט אַ גאנצע מייל אין דריי מינוט און איר פאלט אום אין מיטן דער גראטשקע, צעברעכנדיק זיך בעת מעשה הענט און פיס אדער ס'עפנט זיך גאָר אייער שארבן און יעדער איינער קען אַ בליק טון אויף אייערע געהירן...

ס'קען אמאָל פּאַסירן, אז איר לאזט זיך פליען אויף אַ וועלאסיפעד ווי אַ משחית, כדי צו דערגרייכן דריי הונדערט מייל אין אַ שעה, און נישט בלויז ווערט איר אליין דערביי געהרגעט — דאָס איז אייערע ביזנעס, וואָס גייט קיינעם נישט אן — נאר איר פארקירצט נאָך די יארן פון אייניקע צושויער, וואָס זענען געקומען, מיט אַ גוטער כוונה, באוואונדערן אייער „קענטעניש” און ס'איז זיי גארנישט איינגעפאלן, אז איר וועט אין זיי נקמה נעמען אויף אט אַזאַ ברוטאלן אופן.

בכן, ווי שוין געזאגט, זאלט איר נישט מיינען, אז נאר בלויז דורך אזעלכע שפילערייען קען מען אמאָל געמזיקט ווערן.

אט איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשלאָסן געווארן אַ פריינטשאפט צווישן צוויי אנגעפארענע לאנדסלייט דא הי אין לאנדאן, וואָס ביידע האָבן זיך ארויסגעוויזן פאר שאך־שפילער. כדי צו האָבן גוטע געלעגנהייטן צו שפילן שאך, האָבן זיי געקויפט אַ הויז בשותפות. קיין פליג אויף דער וואנט האָבן זיי נישט געטשעפעט, בלויז זיך געשפילט שאך אין הויז.

ס'איז פאראן אַ סברא, אז זיי האָבן שוין אזוי אפגעשפילט נישט ווייניקער ווי גאנצע זיבן הונדערט פארטיעס שאך. מעגלעך, אז ביים היינטיקן טאָג וואלטן זיי שוין געהאָט אפגעשפילט נאָך אַ פופציק אזעלכע פארטיעס, און אפשר נאָך מער, ווען ס'פאסירט נישט אט דאָס אומגליק, אפגעהיטן זאָל מען ווערן!...

איר געדענקט דאָך, מסתמא, יענעם הייסן טאָג, וואָס מיר האָבן געהאט האיאריקן זומער — ווער פארגעסט דען אזוי לייכט אַזאַ טאָג? — האָט זיך אונזערע צוויי לאנדסלייט ווידער פארגלוסט צו כאפן אַ פארטיע שאך. נאָר דא איז די היץ אזוי גרויס, אז יעדער טראפן שוויס ביי זיי אויפן פנים איז אזוי גרויס ווי אַ צוקער־באבע.

הכלל, זיי האָבן זיך אויסגעזוכט אן ארט אין זייער גארטן, זיך אנידערגעלייגט אויף דעם גראז און דאָס שאך־ברעט אין מיטן. אט אזוי האָט זיך אנגע־

הויבן די זיבן הונדערט און ערשטע פּאַרטיע שאַך.

מסתּמא ווייסט איר אַליין, אַז די ערשטע עטלעכע צוגן, וואָס מען רופט זיי „עפענונג־צוגן", מאַכט דעמאָלט נישט שטאַרק אויס, אויב די זון איז אַזוי הייס, אַז זי באַקט אַזש.

פּלוצלינג — אַ חורבן, אַ קלאָג! וואָס איז געשען? פרעגט שוין ליבער נישט. איינער פון די צוויי שפּילער מאַכט אַ פאַלשן צוג מיט דער מלכּה זיינער און דער קעגנער, ווי פון אַ דונער געטראָפן, גיט זיך אַ כאַפּ אָן ביים קאָפּ און ווי נישט מיט זיין קול מאַכט ער אַ געוואַלד:

— מיט אַ מלכּה טאָר מען נישט אַזוי שפּרינגען!

איר'ט שוין געהערט אַזאַ פאַרברעכן? איך האָב געמיינט, אַז אַ מלכּה קען דווקא יאָ גיין וואו זי וויל. אויב ווידער נישט, צו וואָס טויג זי?

ווערט אָבער אויך דער, וואָס האָט פאַרפירט די מלכּה, וואו מען דאַרף נישט, מלא רציחה — די היץ, נעבעך! — און הויבט אָן קאַפּען דעם לאַנדסמאַן זיינעם.

דאַ איז שוין יענער געוואָרן רעכט אין כּעס, האָט אַ כאַפּ געטון אַ קינדער־וועגעלע און אַ דערלאַנג געטון עס זיין בוזעם־פריינט גלייך אין קאָפּ אַריין. ווי אויף אַ רעוואַנש, האָט דער צווייטער, וואָס האָט נאָך מעשה־צופאַל געזשיפּיעט, אַ נעם געטון דאָס שאַך־ברעט און עס צעבראָכן אויף שטיק־שטיקלעך אויף זיין שותּפס קאָפּ.

איין גאָט אין הימל ווייסט וואָס דער סוף וואָלט געווען פון אָט די צוויי שאַך־שפּילער, ווען אַ שכן מישט זיך נישט אַריין, נישט קענענדיק פאַרליידן דעם תּל וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין מאַכן פון גאָרטן. פּראָסט פּשוט, ער האָט טעלעפאָנירט נאָך אַן אַמבולאַנס...

אַז די צוויי לאַנדסליידט זענען געקומען צו זיך און אַ וואָך שפּעטער אַרויס פון שפּיטאָל, האָבן זיי ערשט געדאַרפט קומען פאַר אַ געריכט.

האָט זיך דער ערשטער באַקלאָגט פאַרן שופט, אַז דער צוג, וואָס זיין קעגנער האָט געמאַכט מיט דער מלכּה, איז לויטן דין דערלויבט בלויז פאַרן שפּרינגער; בשום אופן נישט פאַר דער מלכּה.

דער צווייטער ווידער האָט געטענהט, אַז די סבּה פאַרוואָס ער האָט צעבראָכן דאָס שאַך־ברעט איבער זיין לאַנדסמאַנס קאָפּ איז פּשוט דערפאַר, ווייל ער האָט גראָד נישט געפונען צו דער האַנט קיין שטיק אייזן אָדער אַ דעמבענעם קלאָץ...

הכּלל, דער ריכטער איינזעענדיק, אַז ביידע צדדים זענען געווען שולדיק און אומשולדיק צוגלייך, און אַזוי ווי ער אַליין איז אויך געווען געבענטשט מיט אַ לאַנגן זכּרון, האָט ער זיך געווענדט צו די שאַך־שפּילער בזה הלשון:

— אויף וויפל איך קען געדענקען, האָט אין די לעצטע צוויי טויזנט יאָר פון שאַך שפּילן קיינמאָל אַזאַ אומגליק נישט געטראָפן; און איך האָף, אַז ס'וועט נעמען נאָך צוויי טויזנט יאָר איידער אַזאַ אומגליק וועט נאָכמאָל פּאַסירן! — און נאָכדעם ווי דער ריכטער האָט אין משך פון איבער אַ שעה צייט אַרויס־



געוויזן זיינע שאַך־קענטעניש, האָט ער גאָר פריינטלעך אויסגעלאָזט: — נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט די גרויסע היץ בשעתן שפּילן איז מיין פּסק, אַז איר זאָלט אין אַזעלכע היצן מער קיין שאַך נישט שפּילן. אין אַזעלכע הייסע טעג שפּילן מיר, ענגלענדער, קריקעט. צו אָט דעם דאַרף מען, קודם כּל, קיין קאָפּ נישט האָבן; והשנית, אויב מען היצט זיך שוין יאָ אָן, האָט מען אין דער האַנט אַזוינס, מיט וואָס מען קען זיך דעמיט אָפּקילן און מען ברויכט נישט צוצעברעכן אַזאַ איידעלע זאַך ווי אַ שאַך־ברעט. איר מוזט וויסן, מיינע פרעמדע־נאַנטע פריינט, אַז איך אַליין בין אויך אַ ליידנשאַפטלעכער שאַך־שפּילער, וואָס דערפאַר פאַרשטיי איך אייך!"

## אליהו פאלושאק

### זינגסטו א ליד

געווידמעט, א. נ. שטענצלען, צו זיין געזונט־ווערן און 60־יאריקן יובל, און צו זיין בוך „פונדערהיים".

זיגסטו א ליד,
פאר וועמ'? פאַר מיר, פאַר דיר,
פון נעכטן און היינט,
און ווייסט נישט,
וואָס מארגן וועט זיין,
דער מאָרגן.

יא, דער נעכטן!
ס'איז גרויס געווען דער נעכטן,
מיט ליכט, שאָטן און האפנונג א סך.
א שטוב מיט א בעט,
א טיש און א לייבל ברויט,
א בוך מיט ביכער א סך,
און חברה יונגען און מוידן
מיט פויסטן און מאזאליעס,
געזאנגען און קללה אויף די ליפן, —
איז אלץ איצט פארשניטן...
פארשניטן, פארזענגט און פאַרסמאליעט.

„און דו ביסט גאט!" *
יא, דארט איז גאט,
און האט צוגעלאזט, אז אזוי זאל געשייען.

טא גיי פיר מחלוקות
מיט די הימלען די ווייטע.
נישט מיט זיבן־מיילן־שטיוול
און נישט מיט אוויאנען
מ׳קען צוקומען צו זיי,
די שערי שמים, —
בלייבט מען הענגען א צעדולטער,
א געשוועבטער צווישן הימעל און ערד.

פער גינט, וואס דו ביסט!
מיט ווילדע אויגן און ווילדע לעבענס־תאוות,
מיט דיינע צעווארפענע הירעגליפן,
רעיונות, חזיונות און וויזיעס
האסט אין פאליש די קייטן צעריסן,
ביסט געלאפן וועלטן צו זוכן
און דעראבערן.
און אין לאנד פון טויטאנען, קאשובן
געזונגען האסט א יידיש־ליד פון יידיש־לאנד,
פון דערבארעמדיקן און בעל־שם, —
זייער פשטות, עניוות און גרויסקייט,
פון דובנער מגיד און ר׳ זישע,
שרה בת טובים און דעם חוזה,
פון בראצלאווער און דעם שטאלצן גאון
פון ווילנע, ירושלים של מטה.
און פארבענקט זיך האסטו
נאך דעם תחינהלע פון דער מאמען,
דעם טרערן־צעוויקטן תחינה׳לע
און די אייביקע סודות און חידות
פונם זוהר דעם טאטענס,
אין ווייסן הירשן־פארמעט געבונדן.
יא, גרויס געווען דער נעכטן
מיט ליכט, קאמף און האפנונג א סך,
מיט חברה יונגען און מוידן,
מיט פויסטן און מאזאליעס,
מיט געזאנג און געלעכטער אויף די ליפן, —
איז אלץ איצט פארסמאליעס, פארשניטן.



און דא איצטער ביי דער טעמזע,
אין בינדעם ווייטשעפל, — דיין ירושה...
נישטא קיין יונגן, נישטא קיין מוידן
מיט פויסן און מאזאליעס
און טויזנט־חנעוודיקע אויגן.
צעלאפן זיך אין אלע ווינטן,
אויסגעהוילט און אויסגעליידיקט,
אָן געזאנג און געלעכטער אויף די ליפן,
איז ווייטשעפל א הקדש, א חורבה געבליבן.

א הקדש, א חורבה! אבער —
אויף חורבות וואקסן אויך און שפראצן בלומען.

* ״און דו ביסט גאט!״ איז דער טיטל פון א בוך פון א. נ. שטענצל, דערשינען אין לייפציק 1924, „פונדערהיים״ — אין בערלין 1936.

מנשה ווייסגראז

## א גאסט אויף א ווייל

(א רעפארטאזש פון בערלין)

אנגעקומען קיין בערלין צום קורפירסטנדאם בין איך ארום דריי אזייגער נאכמיטאג, און געטראפן דארטן אויף א פיל גרעסערן גאסן־פארקער ווי ביי הייד־פארק אדער פיקאדילי, לאנדאן, אזוי אז מיין טאקסי האט בכלל נישט געקענט צופאהן צום סאמע האטעל, נאר זיך געמוזט אפשטעלן אינמיטן גאס.

אלע קאפעען זענען פול אנגעשטאפט מיט דייטשן, אויך אויף די טעראסן. זיי זיצן מיט זייערע רויטע קארקעס און טרינקען ביר, ווי אין די אלטע גוטע צייטן; ממש ווי ס׳וואלט גארנישט געהאט געשען. נישטא קיין סימן אפילו פון חרטה אויף זייערע פנימער, אז זיי באדויערן דאס אויסמארדן און אויסשחטן א דריטל פון אונזער פאלק.

ארויסגייענדיק בייטאכט אויפן קורפירסטנדאם, זעט מען די גאסן העל באלויכטן, ווידער זענען די קאפעען פול, און ביי די קינאס — שטייען מענטשן אין דער ריי אויף בילעטן; אומעטום בלויז פריילעכע געזיכטער.

נאטירלעך, פרוביר איך געפינען עפעס א יידיש פנים. איך גיי דעריבער פארביי דאס קאפעע וויען, וואו אין מיינע צייטן פלעגט עס ווימלען מיט יידן, אבער — ליידער! — נישטא קיין ייד אפילו אויף א רפואה. דריי איך מיך אזוי ארויף און אראפ דעם קורפירסטנדאם, און קען ביי מיר נישט פועלן אריינצוגיין אין א „בערלינער קינדל״ אדער אין א „שולטייס פאטצענהאפער״ און זיך אנידערזעצן מיט „זיי״ ביי איין טישל.

צומארגנס בין איך אוועק אין דער יידישער געמיינדע, וואס געפינט זיך

איצט אויף דער יאאכימטאלער שטראסע נומער 13, אין דער געביידע פון אמאליקן לאזשנהויז. אלע שטאקן זענען פארנומען פון ביוראען, איינגעטיילט אויף כלערליי דעפארטאמענטן, ווי סאציאלע פארזארגונג, הילף פאר צוריקגעקומענע, מעדיצינישע הילף און אויך א קולטור דעפארטאמענט. אויבן אויפן פירטן שטאק געפינט זיך דער קינדער־גארטן, מיט 35 קינדער. גראד בין איך געווען דערביי ווען מען האט די קינדער אראפגעפירט פון די טרעפ צום שפאציר אויף פרישער לופט, אונטער דער באגלייטונג פון צוויי לערערינס. מיטאמאל האט איינע אויסגערופן צו די קינדער, „שקט, שטיל זאל זיין!" האב איך אט די לערערין א פרעג געטון, „וואס פאר א קינדער זענען דאס?" האט זי מיר געענטפערט, אז עס זענען יתומים פון פארשיידענע קאצעטניקעס, וועלכע זענען נאך דער באפרייאונג געשטארבן און סתם אזוי קינדער, וואס האבן נישט קיין עלטערן. דערביי האבן זיך אויך געפונען אייניקע קינדער פון געמישטע חתונות. א טייל פון די קינדער האבן גוט אויסגעזעען, בעת אן אנדערער טייל האבן אויסגעזעען זער קראנק.

ביי דער קולטור־אפטיילונג האבן איך מיך נאכגעפרעגט בנוגע דער קולטור־ארבעט, וואס זיי פירן. מען האט מיר דערקלערט, אז מען ארדנט איין רעפעראטן אויף פארשיידענע יידישע טעמעס און אויך קאנצערטן. און פונקט דעם זונטאג פאר מיין אנקומען קיין בערלין האבן זיי טאקע געהאט א מוזיקאלישן קאנצערט, אין לאזשנהויז אויף וועלכן צוויי קינסטלער פון מדינת ישראל זענען אויפגעטרעטן, שפילנדיק ישראל־מוזיק. צום באדויערן זענען ווייניק מענטשן געקומען צו אט דעם קאנצערט, הגם אזויפיל יידן פון ישראל געפינען זיך איצט אין בערלין.

אין דער געביידע געפינט זיך אויך א ביבליאטעק, וואס איז אפן יעדן מאנטאג און מיטוואך פון 6.30 ביז 8.30 אין אוונט. אויף מיין נאכפראגע צי זיי האבן דארטן אויך יידישע ביכער, האט מען מיר געענטפערט, אז יא. ווען אבער איך בין דעם נעכסטן מאנטאג אין אוונט ארויפגעגאנגען אין דער ביבליאטעק אריין, האב איך זי געפונען געשלאסן. דער דייטש, דער פארטיער, האט מיר דערקלערט, אז דער ביבליאטעקאר, א סטודענט, געפינט זיך איצט אויף פעריען.

איך האב געוואלט וויסן וואו מען קען זיך טרעפן מיט יידן, צי עס איז פאראן עפעס א קלוב, וואו יידן קומען זיך צוזאמען. אויף אט די נאכפראגעס האט מען מיר געענטפערט, אז ס'איז נישטא קיין יידישער קלוב און אז איינצלנע יידן קען מען טרעפן אין די קאפעען אויפן קורפירסטנדאם. אויב אבער איך וויל מיך אויסדריקלעך טרעפן מיט יידן זאל איך קומען צומארגנס אין אוונט, ארום 8 אזייגער, אין לאזשנהויז אריין, וואו עס וועט פארקומען א גרויסע פארזאמלונג פון צוריקוואנדערער, מיטגלידער פון דער געמיינדע. אמת, מען האט ארויסגעשיקט איינלאדונגס־קארטן, נאר מיך וועט מען אריינלאזן אן אזא קארטע.

דארטן האב איך אויך באקומען די אדרעסן פון צוויי כשרע



רעסטאראנען, וואס איינער פון זיי איז טאקע נישט ווייט פון מיין האטעל. אגב, האט מען מיר געזאגט כ'זאל קומען פרייטאג־צו־נאכטס אדער שבת אינדערפרי אין דער סינאגאגע אריין, וואס געפינט זיך אויך אינם זעלביקן געמיינדע בנין, און דעמאלט וועל שוין אודאי זיך באגעגענען מיט יידן.

צומארגנס בין איך אוועק אין יידישן רעסטאראן אריין עסן מיטאג. אט דער רעסטאראן געפינט זיך אויפן ערשטן שטאק, א שיינער ברייטער ארויפגאנג, מיט ווייסע מארמאר טרעפן, פירט אהינצו; מען קען אבער אין ערגעץ נישט זעען קיין שילד, אז דא איז א כשרער „מיטאגסטיש". אט דא האב איך ענדלעך דערזעען אפאר היימישע יידן! — די בעל־הביתטע א גאנץ באחנט, אויסגעדארט ווייבל און איר מאן א גאנץ לייטישער ייד.

באלד האב איך פארפירט א שמועס מיט די דריי־פיר יידן, וואס איך האב דא באגעגנט, און אלע האבן זיי מיר געזאגט, אז זיי זענען אהערגעקומען פון מדינת ישראל. דערווייל איז אויך אריינגעקומען א פרוי, קענטיק א היימישע דארטן, און שפעטער האב איך זיך דערוואוסט, אז אפילו זי אויך איז פון מדינת ישראל און געפינט זיך שוין אין בערלין אן ערך פיר וואכן. זי האט זיך נאכגעפרעגט ביי דער בעל־הביתטע וועגן עפעס א מעבלירט צימער. אייניקע טעג שפעטער, זייענדיק שוין אביסל היימיש מיט אט דער פרוי, האב איך זי געפרעגט צו וואס זי ברויכט א מעבלירט צימער; צי זי האט בדעה דא צו פארבלייבן. זי האט מיר דערקלערט, אז זי האט נאך פריער געוואוינט אין בערלין, נאר אזוי ווי דער קלימאט אין מדינת ישראל דינט איר נישט, טראכט זי צו פארבלייבן אין בערלין א יאר אדער אנדערטהאלבן; אפשר וועט איר בעסער ווערן. שוין איצט נאך די פיר וואכן, וואס זי האט דא פארברענגט, פילט זי זיך אסך בעסער.

דעם רעסטאראטאר האב איך געפרעגט: „ווילאנג זענט איר שוין דא, און פון ווי קומט איר אהער?" זאגט ער מיר: „גלייבט מיר איך וויים אליין נישט ווי איך קום דא אהער. איך בין פון אונגארן. צום ערשטן איז מען אנטלאפן פאר די נאציס און מען האט זיך ארומגעוואלגערט אין די וועלדער, און אז גאט האט געהאלפן די נאציס האבן איינגענומען א מפלה איז מען ארויס פון די באהעלטענישן און מען האט זיך צוריקבאזעצט אין אונגארן, און מען האט געמיינט מען וועט שוין האבן מנוחה. האט מען ווידער געמוזט אנטלויפן פאר די באלשעוויקעס. איז מען געלאפן און געלאפן ביז מען איז קעקומען קיין בערלין, און איך בין שוין דא זיבן יאר".

און וואס טוט איר איצט?

איצט „דרייט מען זיך, אביסל מיט דעם און אביסל מיט יענעם". פריער איז עס געווען וואלוטע, וואס דער האנדל דערמיט האט איצט אינגאנצן אויפגעהערט. נאר נישט צו פארזינדיקן, דאנקען און לויבן דעם אויבערשטן דערפאר!... און וואס איז מיט מנוחה, האב איך פון אים געוואלט וויסן. האט ער וויניקסטנס דא טאקע יא געפונען מנוחה? „דערווייל האט מען — גאט צו דאנקען! — מנוחה".

## באריכט פון דער פארזאמלונג

מיטוואך, דעם 28סטן אויגוסט, ארום אכט אזייגער אין אוונט, בין איך געגאנגען אויף דער פארזאמלונג פון די צוריקגעוואנדערטע יידן. אינם זאאל האט זיך געפונען א זער גרויסער עולם, אודאי א פינף הונדערט פארזאן, און די פארזאמלונג האט זיך נישט אנגעהויבן מיט דער דייטשער פינקטלעכקייט.

צום גרעסטן טייל זענען עס געווען מענער און פרויען צוריקגעקומענע פון מדינת ישראל.

דער אדוואקאט לעווענבערג האט געעפנט די פארזאמלונג, געבנדיק דאס ווארט דעם פארזיצער פון דער געמיינדע, היינץ גאלונסקי; א מענטש פון א יאר פינף און פערציק-פופציק. ער שיינט אויס צו זיין אן ענערגישער מענטש און א בריליאנטענער רעדנער. אליין א דייטשער ייד, א צוריקגעקומענער פון קאצעט, האט ער אפגעגעבן א באריכט פון דער טעטיקייט פון דער קהלה, ווי זי זארגט פאר די צוריקוואנדערער אויף אלע געביטן.

גאלינסקי האט געשילדערט ווי מיט שווערער מי און מאטער עס איז געלונגען ווידעראויפצובויען די צעבראכענע געמיינדע. זינט 1945, נאך דער באפרייאונג, און זי אוועקצושטעלן אלס די גרעסטע יידישע געמיינדע אין גאנץ דייטשלאנד. אין זיין באריכט האט ער אנגעוויזן אויף דער סאציאלער און וואוינונגס הילף עס איז דא געלייסטעט געווארן לטובת די צוריקגעקומענע.

אבער, האט ער געווארנט דעם עולם, מען זאל נישט אזויפיל צוריקקומען קיין דייטשלאנד, איבערהויפט נישט קיין יונגע מענטשן, געבנדיק אנצוזאגע־הערן, אז יונגע מענטשן וועלן מער נישט באקומען קיין שטיצע. בכלל, וועט עס זיין זער שווער פאר יידן זיך צוריקאיינצוארדענען אין דער דייטשער ווירטשאפט.

מילא עס קומען צוריק עלטערע יידן, איז דער אויסרייד, אז דער קלימאט אין מדינת ישראל אדער אין אנדערע לענדער דינט זיי נישט; אט דאס קאן מען אנטשולדיקן.

דעם פאריקן חודש, אזוי האט ער געזאגט, זענען אכציק יידן צוריק־געקומען און דעם היינטיקן חודש גאַנצע הונדערט און צוואנציק.ביים היינטיקן טאג ציילט די געמיינדע שוין פינף טויזנט פאררעגיסטרירטע יידן, בעת עס געפינען זיך אסך וועלכע האבן זיך נישט רעגיסטרירט. אין גאנץ דייטשלאנד זאלן זיך איצט געפינען דרייסיק טויזנט־יידן.

אין לאנד הערשט א מאנגל אין רבנים. ער האט דעריבער אפעלירט צו דער יוגנט צו שטודירן אויף ראבינער, כדי זיי זאלן קאנען ווערן די מנהיגים פון די געגעבענע קהלות.

ווייטער האט ער זיך אפגעשטעלט אויף דעם ווידעראויפבוי פון די פינף בערלינער סינאגאגעס, וואס איינע פון זיי געפינט זיך אינם מזרח־סעקטאר פון דער שטאט. האיאר צו די ימים נוראים וועט מען אויך מוזן דאווענען אין א געדונגענעם זאאל, ווייל אין די סינאגאגעס איז נישטא גענוג ארט פאר אלע מתפללים.



אויך האט מען געגרינדעט א בית־עולם אין שארלאטנבורג פאר די יידן, וואס וואוינען אינם מערב־סעקטאר פון בערלין.

סך־הכול באשטייט די געמיינדע פון 80% ליבעראלע יידן און 20% ארטאדאקסישע יידן, נאר די מינדערהייט ווערט נישט מאיאריזירט פון דער מערהייט.

די פאזאנען־סינאגאגע ווערט איצט צוריקאויפגעבויט פון דער רעגירונג פון בערלין אלס א הויז פאר דער יידישער קהלה. די קאסטן דערפון וועלן באטרעפן אן ערך צוויי מיליאן מארק.

בשעת דער פאלגנדיקער דיסקוסיע האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דאס רוב רעדנער איז זער פיינטלעך לגבי מדינת ישראל. א נאר־וואס צוריקגעקומענער יונגערמאן פון זיד־אמעריקע האט געזאגט, „הערר גאלינסקי, זי ראטן יונגע מענטשן נישט צוריקצוקומען, איך האב נאכריכט דאס די שיפן, וואס קומען יעצט פון זיד־אמעריקע, זענען פול מיט יונגע מענטשן פון דייטשלאנד. מיר קאנען זיך דארט נישט איינארדנען און מיר מוזן צוריקקערן!“

נאך דער פארזאמלונג האב איך געשמועסט מיט אסך יידן פון ישראל, וועלכע האבן גרויסע טענות, אז מען נעמט דארט אוועק דעם לעצטן ביסן פון מויל; פאר שטייערן אז ס'איז בכלל שווער דארט צו לעבן און נאך פיל פאר־שיידענע פרעטענציעס. גראד איז מיר אויסגעקומען צו זיצן לעבן א יונגנמאן פון א יאר פינף און דרייסיק, וועלכער האט געדינט ביים מיליטער אין מדינת ישראל. ער איז געווען גאר אויפגערעגט און געזאגט, אז דערפאר איז אים בערלין שוין פיל ליבער, ווייל אין ישראל איז דאס לעבן אזוי שווער.

אייניקע טעג שפעטער, גייענדיק אויפן קורפירסטנדאם, האב איך באגעגנט צוויי יידן, ווארשיינלעך נישט קיין דייטשע. איינער האט מיר דערציילט, אז אליין איז ער א ווינער און פון פאך א מענער־שניידער. אויף מיין פראגע „וואו איז די פאזאנען־שטראסע?“ פרעגן זיי מיך צו וואס איך דארף די פאזאנען־שטראסע. איך ענטפער, אז כ'וויל זעען די צעשטערטע סינאגאגע.

— וואס, איר זענט נישט קיין היגער? — פרעגן זיי.

— ניין, איך וואוין אין לאנדאן און בין דא בלויז אויף א באזוך — גיב איך זיי צו דערקלערן.

— און פון וואנען קומט איר? — פרעג איך ביי זיי.

— מיר קומען פון ישראל און ווילן זיך דא באזעצן! — איז זייער ענטפער.

— ווי קאן זיך א ייד פון ישראל נאך דא צוריקבאזעצן? — פרעג איך מיט שטוינונג.

דעמאלט האבן זיי פשוט מיך אנגעהויבן דירעקט צו זידלען:

— איר קאנט שיין ריידן, איר וואוינט אין לאנדאן, פארוואס זשע נעמט איר נישט אייער פאבריקל און גייט נישט קיין מדינת ישראל? דארט וועט איר שוין זעען ווי איר וועט אויסזעען!

איינער האט געזאגט: — ווען איך האב פריער געוואוינט אין דייטשלאנד

האב איך פיל געלט געגעבן פאר דער יוגנט־עליה, און ווען איך בין געגאנגען זוכן ארבעט אין תל-אביב און געזאגט וויפל איך האב געגעבן, באשטעטיקנדיק מיינע רייד מיט די געהעריקע קוויטונגען, האט מען מיר נאך פארגעווארפן, אז כ׳האב צו ווייניק געגעבן...

## פרייטאג-צו-נאכט אין דער סינאגאגע

פרייטאג־צו־נאכט בין איך אוועק אין דער סינאגאגע אריין, וואס געפינט זיך אויפן צווייטן שטאק איבערן גרויסן זאאל פון לאזשנהויז. די איינריכטונג דא איז שיין און קאסטבאר, מיט שיינע בענק. אין דער מיט איז א וואנט, וואס שיידט אפּ דעם טייל פאר די פרויען. עס איז דארטן דא א ווינדע, און די מתפללים וועלכע קומען פאר שבת, פירט דער פארטיער זיי ארויף.

צוזאמענגעקומען זענען זיך פינף און פערציק יידן פון פארשיידענעם עלטער, און בלויז דריי קדישים האבן זיך געפונען צווישן זיי; אויך צוויי יונגע בחורים און א קליין מיידעלע. ס׳רוב זענען עס געווען פוילישע. א פוילישער ייד האט מקבל שבת געווען, און האט געזונגען „לכו נרננה“ אויפן פויליש־יידישן נוסח.

נאכן דאווענען בין איך געגאנגען מיט אייניקע יידן אין רעסטאראן אריין, וואו כ׳האב באגעגנט אן ערך פופצן יידן, מייסטנס פון ישראל. פאר יעדן גאסט איז געווען אנגעגרייט צוויי חלהלעך, צוגעדעקט מיט א ווייס טישטיכל. אייניקע האבן געמאכט קידוש אויף א קול, און נאכן עסן האט מען געזונגען זמירות אויפן היימישן אופן.

אפגעגעסן, האב איך גערופן די בעל־הביתטע אויף א זייט און זי געפרעגט וויפל איך דארף באצאלן. זי האט געענטפערט, אז שבת נעמט זי נישט קיין געלט און בעט מיך אויך מארגן צו קומען עסן מיטאג, זי האט געשטעלט א גוטן טשאלנט. „אם ירצה השם זונטאג, אז איר וועט ווידער קומען עסן מיטאג, וועט איר שוין באצאלן פאר אלע מאלצייטן צוזאמען“.

פרעג איך זי „און וואס וועט זיין טאמער קום איך נישט זונטאג?“ „איז אויך נישט קיין אומגליק“, איז זי גארנישט נתפעל געווארן. מען קען דערקענען אין מיר, זאגט זי, אז איך וועל יא קומען און באצאלן.

אהיימגייענדיק איז מיר אויסגעקומען צו גיין אין דער זעלבער ריכטונג מיטן שמש פון דער שול. איך האב אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך נאכצופרעגן ביי אים וואס מען הערט דא, וואס יידן טון, מיט וואס זיי האנדלען און וויאזוי זיי ארדנען זיך איין, ווי אויך וואו די אלע יידן, וואס קומען איצט צוריק אהער מארבע פנות עולם, וואוינען. ער אליין איז שוין דא שמש, זאגט ער, גאנצע זיבן יאר און פארדינט צוויי הונדערט און פינף און צוואנציק מארק א חודש. אחוץ דעם האט ער נאך וואס מען גיט אים ביי א ברית, א בר־מצווה, א חתונה, א יארצייט און, רחמנא לצלן, ביי א לוויה. „מען מאכט נישט קיין שלעכט לעבן“, זאגט ער.



איזן איז ער נאך א בחור, און וואוינט אין א מעבלירט צימער ביי א דייטשער פאמיליע. מען באהאנדלט אים דארט זער גוט, עס קען גארנישט זיין בעסער. זינט ער איז ארויס פון די־פי־לאגער, אין יאר 1947, וואוינט ער ביי דער זעלבער פאמיליע.

די יידן, וואס זענען שוין לאנג דא, ד. ה. צוריקגעקומענע פון קאצעט באלד נאך דער מלחמה, האבן זיך זער גוט איינגעארדנט, זיך געעפנט כלערליי געשעפטן; האבן באקומען שיינע וואוינונגען, און אסך זענען ממש שטיינרייך געווארן. זיי פילן זיך דא גאנץ גוט אזוי, אז עס ליגט זיי גארנישט אין זינען אוועקצופארן.

להיפך האבן די שפעטער־געקומענע זיך שוין אנגעטראפן אויף געוויסע שוועריקייטן, נאר אויך זיי גייט עס גוט.

לכתחילה, נאך זייער אנקומען, פלעגט די געמיינדע זיי צאלן הונדערט מארק א חודש שטיצע און פון דער סאציאלער פארזארגונג האבן זיי אויך באקומען צו הונדערט און פינף מארק א חודש, אזוי, אז קיינער איז, חלילה, נישט געשטארבן פון הונגער.

און זינט עס איז ארויס א געזעץ, אז אלע דייטשן אנטי־נאציס און יידן, וואס האבן אמאל געוואוינט אין דייטשלאנד און קערן זיך אום צוריק, באקומען זעקס טויזנט מארק פער קאפּ פון דער רעגירונג, קומען וואס א מאל מער יידן צוריק קיין בערלין. עס איז אויך דא אזעלכע יידן, וואס נאר זיי באקומען דאס געלט, פארלאזן זיי ווידער דאס לאנד. אבער מען איז שוין איצט פארזיכטיקער מיט דער איינמאליקער שטיצע, אזעלכע מענטשן מוזן שוין האבן גאראנטן אז זיי פארבלייבן דא אין לאנד*.

ווען איך האב דעם שמש געפרעגט וואו די דייטשע יידן קומען זיך צוזאמען, האט ער מיר אנגעוויזן אויף דער „קאנדיטאריי מעהרינג“, וואו יעדן פרייטאג־צו־נאכטס טרעפן זיך דייטשע יידן צוריקגעקומענע פון מדינת ישראל. דארטן האב איך זיי טאקע געטראפן די דאזיקע דייטשע יידן זיך זיצן אזוי ווי אין די אלטע גוטע צייטן. אויך אויף זייערע פנימער איז נישט קענטיק וואס מיט זיי איז געשעען בשעת דער לעצטער מלחמה. מען באקומט דעם איינדרוק ווי זיי אליין האבן אויך שוין אלץ פארגעסן. בולט ביי זי איז אן ארט קריכערישקייט און אונטערטעניקייט צום דייטש.

אייניקע טעג שפעטער האב איך עס אליין בייגעוואוינט אין א באנק, וואו מען צאלט אויס די אנטשעדיקונגס געלטער. פאר מיר ביים פענסטערל איז געשטאנען א דייטשער ייד, אן עלטערער מאן, און האט זך נאכגעפרעגט ביי דער באאמטין וועגן שטאנד פון זיין קאנטא און צי מען קען אים ארויסגעבן

* אמאל ביים מיטאג האט מיר א ייד פון ישראל דערציילט, אז אט אט באקומט ער די זעקס טויזנט מארק. נאר אין טאג פון מיין אפּפארן האט ער מיר געזאגט, אז אויפן געהעריקן אמט האט מען אים דערקלערט, אז אויב ער וועט ברענגען זיין פרוי, וועט מען אים אויסצאלן גאנצע צוועלף טויזנט מארק; אים אליין קען מען גארנישט געבן...

דריי הונדערט מארק. די דאמע האט אריינגעקוקט אין בוך און אים געזאגט, אז אויף זיין קאנטא געפינען זיך איבער אכצן טויזנט מארק, אויסשטעלנדיק אים בשעת מעשה א צעטל צו דער קאסע אויף דריי הונדערט מארק. גאנץ הכנעהדיק האט ער זיך געזעגנט מיט דער דאמע און איר געגעבן א שיין רונדיק שאכטל מיט שאקאלאדע. מכלומרשט האט זי עס נישט געוואלט אננעמען, נאר זי האט זיך גלאזט צורעדן און האט זיך העפלעך באדאנקט.

שבת אין דער פרי בין איך ווידער געגאנגען אין שול אריין. ארויפ־קומענדיק אויפן צווייטן שטאק פון קהלה־בנין, וואו די שול געפינט זיך, זע איך ווי עס שטייט דארט א דייטשקע און מאכט צורעכט מאטיאס הערינג און צעשניידט ציבעלעס מיט טאמאטן! נאטירלעך, האב איך געפרעגט דעם שמש וואס די גויה טוט דא. ער האט מיר געגעבן צו פארשטיין, אז זי איז דעם פארטיערס ווייב און אזויווי היינט איז א בר־מצווה, גרייט מען כבוד פארן עולם. דער בעל־שמחה אליין לאדט אלעמען איין צום קידוש.

אין שול האבן זיך געפונען אן ערך פינף און זיבעציק יידן, מיטן אויסנאם פין די צוויי בחורימלעך, וואס זענען נעכטן געקומען צו קבלת שבת. מען האט אויפגערופן דעם בר־מצוה בחור צום ספר, אבער נישט צו מפטיר. ער האט געמאכט די ברכות אויף דער ספרדישער הברה.

נאכן דאווענען האט דער בעל־שמחה טאקע פארבעטן דעם גאנצן עולם צום קידוש, און נישט געלאזט קיינעם אוועקגיין. מען האט געטיילט פלעווע און האניק־לעקאך מיט כלערליי בראנפנס, ליקער און אפילו וואדקא!

דער עולם האט געשמאק געגעסן דעם הערינג מיט די ציבעלעס און טאמאטן, וואס די דייטשקע האט אנגעגרייט; און עס איז עפעס געווען אזא ברידערלעכקייט און היימלעכקייט אין אט דער סביבה, וואס מען זעט זעלטן און נאר צווישן היימישע מענטשן.

דער ראבינער, לויטן אקצענט א ווינער ייד, האט געהאלטן א דרשה, אנהויבנדיק מיט אט די ווערטער, „די מענטשן פון דער פרעמד וואס געפינען זיך איצט דא און פארן אינגיכן צוריק אהיים זאלן צו וויסן געבן, אז דא אין בערלין בויט זיך צוריק אויף א יידיש לעבן צום טראץ אונזערע שונאים, וועלכע האבן אונז געוואלט עוקר מן השורש זיין".

צו מנחה זענען געקומען בלויז פינף און צוואנציק מתפללים, און דערנאך האט מען געפראוועט שלוש סעדות, זינגענדיק זמירות מיט חסידישער התלה־בות. א יונגער ייד, מיט א גאליציאנער קאפעלוש, א געקומענער פון דער סלאוואקיי, וועלכן מען האט נאר וואס אויפגענומען פאר א חזן אין א אנדערער בערלינער סינאגאגע, האט זער שיין געזונגען צוויי קאפיטלעך תהלים.

נאך הבדלה האט דער שמש יעדן איינעם מכבד געווען מיט א ציגארעט. פארשטייט זיך, אז מיך האט אינטערעסירט צו וויסן ווער עס האלט אויס די אלע שלוש סעודותן און ווער עס איז וואס איז מכבד דעם עולם מיט ציגארעטן. דאס אלץ, האט ער מיר דערקלערט, איז אויפן חשבון פון דער קהלה.

טאג־טאגלעך דאוונט מען אין אט דער שול בציבור, און אן ערך פערציק



יידן קומען צום דאווענען, איינגעשלאסן צען מנין־יידן, וואס באקומען צו פערציק מארק יעדער איינער פון דער קהלה חודשלעך.

די סינאגאגע האט א פרעזידיום פון זעקס מיטגלידער, דריי פוילישע און דריי דייטשע יידן; נאר די טרייבקראפט זענען די פוילישע יידן.

אין אן אנדערער שול, אויף פעסטאלאצי־שטראסע, דאווענען בלויז דייטשע ליבעראלע יידן און מישלינגען.

איך האב געפרעגט דעם שמש צו מען קריגט דא יודישע צייטונגען?

אין א קיאסק ביי דער קראנצלער־עקע, האט מיר דער שמש געזאגט קען מען באקומען א יידישע צייטונג. איך בין צוגעגאנגען נאר אין פראנט איז קיין יידישע צייטונג נישט געווען צו באמערקן. אויף מיין פארלאנג האט דער צייטונגס־פארקויפער ארויסגענומען פון א באהעלטעניש א מינכענער יידישע צייטונג, וואס קאסט פופציק פעניג.

איך פרעג אים צי ער האט נאך עפעס א יידישע צייטונג, און ער ענטפערט מיר, אז נישט. פריער פלעגן אנגעקומען יידישע צייטונגען פון אמעריקע. אויף א ווייטערדיקער פראגע פון מיר בנוגע דער צאל עקזעמפליארן פון דער צייטונג ער פארקויפט, האט ער מיר דערקלערט, אז אזא אויסקונפט גיט ער בלויז אדער א שטייער־באאמטן אדער א צייטונגס־רעפארטער. איך זאג אים, אז איך בין א ארעפארטער פון א יידישן זשורנאל אין לאנדאן און ווייז אים מיין ענגלישן פאס. דעמאלט האט ער מיך שוין גאנץ אנדערש אנגעקוקט און מיר דערקלערט, אז ער פארקויפט דרייסיק עקזעמפליארן יעדע וואך.

י. ביעטש

## קונסט און געזאנג אין שייכות מיט די ימים-נוראים

די יידיש־ליטערארישע שבת נאכמיטאגס זוכן אויסצופירן א הויכע אויפ־גאבע, וואס באשטייט אין נאכפאלגן אלע עטאפן פונם יידישן שאפן און אין אינפארמירן דעם עולם וועגן אט דעם אלעם. לכן אזויווי די יידישע קולטור און קונסט נעמען ארום אלץ אינם גייסטיקן לעבן, ווי ליטעראטור און דיכטונג, מאלעריי און סקולפטור און אויך די פאלקס־לידער, וואס זענען אן ארט שפיגלען אין וועלכע מיר דערזעען זיך אליין, איז שוין ממילא קלאר וואס פאר א וויכטיקע ראל עס האבן צו שפילן די יידישע ליטערארישע שבת נאכמיטאגס אינם היגן יידישן לעבן.

אודאי וואלט די יידישע געזעלשאפט געדארפט ארויסווייזן אסך מער פאראינטערעסירונג אין אונזער ארבעט און אויך וועקן אינטערעס פאר אונזער זאך ביי די ברייטע מאסן, אבער נישט געקוקט אויף דעם גייען מיר אן מיט אומדערמידלעכקייט פון וואך צו וואך, ווייל ווייסן מיר דאך, אז נאר אין דער יידישער קולטור און קונסט באקומט אונזער געדאנק, אונזער געפיל א רוח־

החיים! איז עס דאך אויך בלויז ביי אונז, וואו יידישע שרייבער, דיכטער און קינסטלער, ווען מען דער המשך פון יידישן ווארט איז טייער, באקומען דערמוטיקונג.

דער שבת נאכמיטאג, דעם 31סטן אויגוסט, געווידמעט דער קונסט און געזאנג, איז בלי ספק געווען א פרעכטיקע מאניפעסטאציע פארן יידישן שאפן אויף ביידע געביטן. א גרויסער און געקליבענער עולם האט אנגעפילט דעם זאאל און זיך צוגעהערט מיט א באזונדערער ערנסטקייט.

נאך דער אינטערעסאנטער רעדע, וואס א. נ. שטענצל האט געהאלטן אויף דער טעמע „קונסט און געזאנג אין שייכות מיט די ימים־נוראים", האט דער פאפולערער זינגער פון דרום־אפריקע, אייזיק באדער, געזונגען חזנישע ניגונים און פאלקס־לידער. זיין שטארקע און שיינע שטימע האט ממש באגייסטערט דעם בייוועזנדיקן עולם.

דערנאך האט בענא שאץ, דער באוואוסטער סקולפטאר, אונז געגעבן א ביז גאר אינטערעסאנטן פארטראג, שילדערנדיק פאר אונז זיינע איבערלעבונגען אין די יוגנט־יארן, זיינע וואנדערונגען און וואגלענישן, וואס זענען בכלל דער גורל פון א יידישן קינסטלער, ביז ער האט דערגרייכט אנערקענונג און די מדרגה צו זיין פראפעסאר פאר קונסט אויף דער אקאדעמיע אין שאטלאנד. א טערראקאטא סטאטוע פון בענא שאץ געפינט זיך אויף אן אויסשטעלונג איצט אין האלאנד־פארק, לאנדאן.

אט זענען אייניקע פרטים, וואס פראפ. בענא שאץ האט אונז איבערגעגבן. אליין א געבוירענער אין עסטלאנד, האט ער שטודירט קונסט אין דארמשטאדט, דייטשלאנד, און שפעטער אין גלאזגאו, וואו ער האט זיך אויך באזעצט. דאס רוב פון זיינע ארבעטן קען מען זען בלויז אין שאטלאנד, נאר אסך געפינען זיך אויך מחוץ שאטלאנד אין פארשיידענע קונסט־גאלעריעס און אינסטיטוציעס, ווי אין דער פארלאמענט־געביידע, לאנדאן און אויך אין דער היגער מדינת־ישראל אמבאַסאדע; אייניקע אין דער געביידע פון דער יידישער אגענץ, ירושלים, אין תל־אביב, חיפה און ערגעץ אנדערש־וואו. ער האט זיך אויך באטייליקט אויף אויסשטעלונגען אין סאוויעט־רוסלאנד.

בענא שאץ'ס ארבעטן זענען בראנזן, האלצשניטן, שטיין־סקולפטורן, וואס א טייל פון זיי זענען אויף יידישע מאטיוון. אט די מאטיוון, אזוי האט ער אונז איבערגעבן, זענען דערמאנונגען פון דער יוגנט, ווען ער האט געזעען יידן אין די שולן בעת די ימים־נוראים.

אונזער שטענדיקער רעציטאטאר, אייזיק גאלדבערג, האט פשוט איבערראשט דעם עולם מיט זיין לייענען צוויי הומארעסקעס פון משה נאדיר: איינע א סאטירע איבער געזאנג און זינגער און די צווייטע איבער קונסט און קינסטלער.

דער ניווא פונם קולטור־לעבן ביי א פאלק ווערט געוואויגן און געמאסטן לויט די אינסטיטוציעס, וואס דאס פאלק האט געשאפן אויפצונעמען זיינע קולטור־עשירות פון דורות.



די ליטעראריש שבת נאכמיטאגס זענען, לכל הפחות, א בריק, וואס פארבינדט דעם יידישן קינסטלער מיטן יידישן עולם דא.

ווי תמיד אונטער דעם פארזיץ, פון א. נ. שטענצל האט דער אימפאזאנטער שבת נאכמיטאג זיך געענדיקט אין א געהויבענער שטימונג.

פ.ס. מיר זיינען זיך נוהג, אז אלע שבתים ארום די ימים־נוראים זענען אויסשליסלעך געווידמעט רעפעראטן, פארלעזונגען און רעציטאציעס אויף אט דער דאזיקער טעמע, און אויך ביים שלוס פונם יידישן יאָר געבן מיר כאָטש פון איין שבת אַ שטיקל באריכט, אַז עס זאָל געבן אָפשפיגלונג פון אונזערע שבתים אַ גאַנץ יאָר. אַמאָל, אין יענע גוטע יינגע יאָרן, ווען „לשון און לעבן" איז געווען דער בוליעטין פון די שבת נאָכמיטאָגס" זיינען די באַריכטן געווען חודשלעכע.

## ש. קילשטיין (טולוז)

## בלויז די מאמעס...

זענען זיי אוועק די קינדער,
אין די לענדער, אין די ווייטע;
ניט געשעען איז קיין וואונדער,
צייטן זענען צו פארשייטע...

ניט געבעטן האבן מאמעס בלייבן,
וואקלדיק איז די היים געווען;
נעבן טיר „דער וואנדער שטעקן",
פון קדמונים שוין פארזען...

האבן זיי נאר, פרום געזונגען,
און געבעטן ניט פארגעסן:
זאל א בריוועלע כאטש קומען
ווען די פרעמד וועט זיך דערעסן.

נאר זעלטן איז א קינד געקומען,
צו דער אלטער מאמען צוריק,
און נאך זעלטענער דערציילט,
אז עס בענקט זיך ניט אויף צוריק.

האבן זיי אזוי געזונגען
אלע מאמעס, מיינע מיט;
ביז דער חורבן, אט דער גרעסטער,
האט זיי אלעמען פארשיט.

פארבליבן זענען נאר ניגונים!
גלגול זייער, בלאנדזשט אום —
א וועלט א פרעכע זינגט זיי אלע,
בלויז די מאמעס זענען שטום...

## מ. אלמאן

# נאטיצן פון א לייענער

נישטאָ ווער

אין די ידיעות פון ייוו״אָ אין ניו־יאָרק, פון יולי ה. י. ווערט איבערגעגעבן, אז דער אוניווערסיטעט אין מילאן (איטאליע) האָט זך געוואנדן צום ייוו״א, ער זאל באשטימען און אויסהאלטן אַ לעקטאר פון יידיש אין מילאנער אוני־ווערסיטעט.

„וואס שייך יידיש — ווערט ווייטער געזאגט און בריוו — האָבן מיר פאר דעם לימוד זייער אַ גרויסן אינטערעס פון לינגוויסטישן און ליטעראַרישן שטאנדפונקט. אבער אזוי ווי עס איז נישטאָ קיין לאנד אויף דער וועלט ווו יידיש איז אן אפיציעלע שפראך, ווענדן מיר זיך צו אייך, צו דער אויטאריטעטער וועלט־קערפערשאפט פאר יידיש־שטודיעס, מיטן אַנפרעג צי וואלט איר געווען וויליק צו באזארגן אונדז און אויסצוהאלטן אַ לעקטאר פאר יידיש...״

כ׳האב בכיוון געברענגט דא א לענגערן אויסצוג פון דער ידיעה, כדי צו שטעלן די פראגע: צי וואלט אין ענגלאנד געקענט געשען א פאל, אז איינע פון די יידישע „דעי־סקולס״ (טאָגשולן) זאל איינפירן דעם לימוד פון יידיש, כדי צו דערמעגלעכן דעם אונטערוואקסנדיקן דור צו קענען זיך פארשטענדיקן אין דער אייגענער שפראך מיט די יידן, וואס זענען צעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט און באנוצן זיך, אין דער גרויסער מערהייט, מיט דער יידישער שפראך.

נאך דער ירושה נאך די אומגעברענגטע יידיש־רעדנדיקע יידן האבן די היגע „דזשויש־סקולס״ אויסגעשטרעקט די האנט, דארפן זיי זיך אויך נישט שעמען מיט דער יידיש־ירושה!

נישטאָ ווער עס זאל זיי דאס דערמאנען.

ס׳איז ווערט צו באגריסן

אין פאריזער „אונזער שטימע״ פון 20־21סטן יולי ה.י. האב איך געלייענט, אז דער פארלאג „די גאלדענע פאווע״ אין פאריז האט פאנאנדערגעטיילט געלט־פרעמיעס זעקס יידיש־לערערינס און זייערע דריי העלפערינס.

די פרעמיעס זענען צעטיילט געווארן צווישן די לערער פון די צוגאב־שולן ביים ארבעטער־רינג, ארבעטער־היים און קאָלאָני־סקאָלער.

ס׳האט מיך שטארק געוואונדערט די דאזיקע ידיעה. איך בין ביז איצטער געוווינט געווען צו לייענען וועגן דעם, ווו דער יידישער קולטור־קאנגרעס אין ניו־יארק טיילט אויס יעדעס יאר געלט־פרעמיעס יידישע שרייבער, וועלכע גרייטן צו, אזוי צוזאגן, לערן־מאטעריאל פאר די יידישע שולן. די, וועלכע לערנען די קינדער צו קענען נוצן די פרעמירטע מאטעריאלן האבן יענע קולטור־טוער נישט באמערקט.

איז טאקע ווערט צו באגריסן די פאריזער שול־טוער פאר זייער שיינעם און באלערנדיקן אויפטו.





דער זינגער איזאַק באַדער פון דרום־אפריקא

### פריינט פון יידיש לשון

זונטיק, ממחרת יום כפורים, דעם 6־טן אָקטאָבער, 3 אזייגער
אין אַדלער האָל אדלער סטר. א.1.

### א גראנדיעזער געזאנג־קאנצערט

דער גוט באוווסטער אַקטיאר

### יודל גאלדבערג

דער באַקאַנטער זינגער פון דרום־אפריקא

### איזאק באדער

קומט אין מאַסן! אינטריט: ־/2, 3/6.

## רחל דאניאק

# ברוך הבא!

„צום נייעם סעזאן קומט זשעני לאוויץ אין דעם גרענד פאליי״. אזוי לייענט די אנאנסע. און מענשן גייען פארביי, לייענען עס און זיינען גאנץ צופרידן. צופרידן וואס דער גרענד פאליי עפנט זיך ווידער. נאך אזא לאנגער וואקאציע. און אגב צופרידן וואס צו דער קינסטלערישער טרופע פון גרענד פאליי קומט אויך א סטאַר.

זייער שיין און זייער גוט. אבער, טייערע באזוכער פון דעם אידישן טעאטער, ווייסט איר ווער זשעני לאוויץ איז ווירקלעך? ווייסט איר וואס פארא קינסטלערין זי איז? קומט און הערט איר זינגען א פאלקס לידל צי אין אידיש צי אין העברייאיש דאן וועט איר אנפאנגען פילן וואס פאלקס־קונסט

איז. קומט און זעט אירע באוועגונגען אויף דער בינע. קומט און הערט אירע דיאלאגן, דאן וועט איר פילן די הויכע מדרגה פון קונסט, דאן וועט איר געניסן דעם גרויסן פארגעניגן וועלכן א קינסטלערין אקטריסע קען פארשאפן.

איר וועט דאן זאגן צו אירע פריינט: קינדערלעך, ס'איז כדאי צו קומען אין דען גרענד פאליי צו זעהען און הערן זשעני לאוויץ. ס'איז כדאי צו קומען פון גאלדערס־גרין, פון קריקל־ווד און אפילו פון האמסטעד.

קומט זעהען און הערן דזעני לאוויץ.

א הארציקן וועלקאמען אין דעם גרענד פאליי צו אייך זשעני לאוויץ!

ברוכה הבאה, זשעני לאויץ.

## לאנדאנער קולטור ידיעות

• • •

קאַמיל האַניק איז צוריקגעקומען פון אַ נסיעה איבער פוילן.

• • •

דער סטאַר דעם סעזאָן אין יידישן טעאַטער אין גרענד־פאַלעי איז די גוט־אַווסטע קטריסע זשעני לאָוויטש.

• • •

אינם ימים נוראים וואָרט קאָנצערט דינסטיק, דעם 17־טן סעפטעמבער, דער אָנהויב פון די דינסטיק־אָוונטן פונם ווינטער־סעסאָן פון פריינט פון יידיש לשון, האָבן זיך באַטייליקט דער זינגער איזאַק באַדער פון דרום־אפריקא, פרוי גאָלדרינג און פרוי באַדער. י. ריכטיקער האָט גערעדט איבער די ימים־נוראים מנהגים.

• • •

דער באַרימטער לאָנדאָנער מאָלער דוד באָמבערג ׳ איז געשטאָרבן פעראַנגענעם חודש.

• • •

הרב יהושוע שפעטמאַן, האָט ווי לעצטנס, אלע יאָרן, אויך האיאר אַרויסגעלאָזן זיין קונטרס לכבוד ראש השנה יום־כפור מיט דברי מוסר מאמרים.

• • •

טרויער פערזאַמלונגען נאָך שלום אַש זיינען אָנגעהאַלטן געוואָרן אין בערנער סטר. ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס; יידישער זשורנאליסטן און שרייבער־פעראין אין ענגלאנד, צוזאַם יידישן וועלט־קאָנגרעס, יידישע אַגענץ, באָרד אָף דעפיוטיס, ייוו״אָ־אינסטיטוט און פריינט פון יידיש לשון אין אַ בשטפותדיקע אַקאַדעמיע אין אַדלער האָל; פון יידישן אַרבעטער־רינג און פון די פריינט פון יידיש לשון — וועסטענד־בראנזש.

• • •

י. ל. פיין צוריקקומענדיק פון זיין באַזוך אין שווייץ האָט מיטגעמאַכט אין קראַנקייט און עס גייט אים בעסער.

• • •

אהרן ראָלין האָט געהאַט אַן אָפעראַציע אין שפיטאָל און איז איצט אויף רעקאָוואַלענסענס אין וואָלטן אַן דע נעז.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סט., לאָנדאָן, א.1. 3 אַזייגער
שבת, דעם 21־טן סעפטעמבער — ימים נוראים־מאָטיוון ביי די קלאַסיקער.
שבת, דעם 12-טן אקטאָבער — שמחת תורה אין דער יידישער פאָלקלאָר און פאָלקס לידער.
שבת, דעם 19־טן קאַמיל האָניק: ווי לעבן די יידן איצט אין פוילן.



## ראש השנה ווונטשן שנת תשי״ח

שלמה פעלמאן ווינטשט זיינע קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

מר. און מרס. סטרעס ווינטשן זייער גאַנצע משפחה, קרובים, פריינט, קליענטן אין ענגלאַנד און אַלע אַנדערע לענדער אַ שנת חיים ושלום און גוט און געזונט יאָר.

איטשע פייגנבלאַט און פרוי ווינטשן זייערע קינדער, מחותנים, קרובים און אַלע פריינט אַ גוט און געזונט יאָר.

יהושע פאדרא ווינטשט זיינע פריינט און באַקאַנטע אַ לשנה טובה.

יהודה און פרוי מרים איידל בראָנשטיין ווינטשן זייער קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה, און אַ גאולה פאַר דעם רוסישן יינדטום.

גדליה ליכטנשטיין און זיין פרוי מלכה ווינטשן כל ישראל אַ גוט יאָר.

בן ציון שולמאַן און פרוי ווינטשן אַ גוט געזונט יאָר אַלע זייערע קרובים און פריינט.

אַ כתיבה וחתימה טובה פאַר מיינע קינדער משפחה און פריינט ווינטשט מרים לעווי.

שלום יאָקובאָוויטש און פרוי ווינטש אַ געזונט גוט יאָר אַלע זייערע קרובים און פריינט.

איך ווינטש אַ כתיבה וחתימה טובה אלע מיינע קרובים און נאָנטע פריינט. פרוי דיוויס.

עלי זילבערג ווינטש אַ כתיבה וחתימה טובה איר גאַנצע משפחה און אַלע אירע פריינט.

פרוי ראָטפעדער ווינטש אַ גוט געזונט יאָר אַלע אירע קרובים און פריינט.

אלכסנדר קליין ווינטש און זיינע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה און אַ גוט יאָר.

פריינט היימאַן ווינטש אַלע זיינע קינדער קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

אַ פריינט ווינטש פריינט פון יידיש לשון אַ גוט יאָר.

יצחק מאנדלבוים ווינטש זיינע קרובים און פריינט אַ שנת ברכה והצלחה.

מיכאל לידור ווינטש זיינע עלטערן און שוועסטער אין ישראל און אַלע קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

## צו י. ביעטש יובל

מיינע האַרציקע ברכות, צו מיין פריינט **יהודה ביעטש**, צו זיין 75-טן געבוירנטאָג געזונט און לעבן און נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן אין זיין שרייבן און כוחות צו דער קולטור־טעטרקייט.

**יצחק מאנדלבוים**

## פריינט פון יידיש לשון

שבת, דעם 19־טן אָקטאָבער 7.30
אין אַדלער האָל, אַדלער סטר. א.1.

## דער טראדיציאנעלער שמחת תורה-באל

יידישלעכער אָרקעסטער
טאַנץ טאָמבאלא
רעפרעשמענט
קומט און ברענגט מיט
אייערע פריינט און קינדער
איינטריט 5/6

קומט צו די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

**ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“**

**מיר בעטן אונזערע אבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אבאָנאַ־**
**מענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן

**„ווייטשעפל לעבט“ (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער)** **10/-**
**„„שיידעוועגן“, אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש** **10/-**
**„ווידערוווקס“, אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל** **12/6**
„טעאַטער־קאַראַוואַנען“, פון ש. י. האַרענדאָרף 15/6
„פּאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט“, שמואל וווהייט 7/6
יובל־אַלמאַנאַך 15/-

**מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:**
**LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.**

## „פּאַריזער צייטשריפט“

3־מאָנאַטליכער זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, קונסט און קולטורעלע פּראָבלעמען.
1 פונט יערלעך. 5/6 איינצעלנע נומערן. פּאָסט פריי.
פאַרטרעטער אין ענגלאַנד:
M. BECKERMAN, 10 Ennismore Avenue, London, W.4.

## לייענט, פארשפרייט און אנאנסירט אין
## „די אידישע שטימע“

די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804.

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

***MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR***

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**



*Published and Edited by A. N. Stencl, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*


# לשון און לעבן


**חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור**

**נומער 11־10 (העפט 4־113) אַכצנטער יאָרגאַנג אָקטאָ.־נאָוועמ. 1957 לאָנדאָן**

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


„כשם שאני רוקד“ (קידוש לבנה גראַמען מוצאי־יום־כיפור 1957), דער
7־טער נאָוועמבער, „אינבאַל“ — דאָס ציגל פונם גלאָק ....... ** 1
געגוג שוין! (ליד) ....... י. א. לערנער 7
שמעון ראַווידאָוויטש ז״ל (מענטשן און ביכער) ....... דר. יעקב י. מייטליס 8
יידיש טעאַטער אין אַלטן עסטרייך ....... א. מייזעלס 14
די באַלאַדע פונם טאַבאַק שקעטעלע ....... א. נ. שטענצל 18
יידישע פילאָסאָפיע און טראַדיציע ....... י. ריכטיקער 22
צוויי לידער פון עדמאָנד פלעגס אַנטאָלאָגיע:
1. יידיש וויג־ליד ....... ז. מילבויער
2. אויפן בית עולם ....... ש. פרוג
איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש: ....... י. ביאַלסקי 25
צירקוס טענצערין (בילד) ....... מאַרק שאַגאַל 27
בערל לאָקער (עסיי) ....... י. ה. לעווי 28
„לייקא“, אַזאַ בריוועלע אויף לייקאס האַלדז (צייט־סאַטירעס) ....... א. נ. ש. 31
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס ....... 32
לכבוד ס. עלשטיין דעם בן־שבעים ....... י. ביעטש
לאָנדאָנער קולטור ידיעות


**פרייז 2 שילינג**

**אַבאָנאַמענט־פרייז: —26 שילינג פאַר אַ יאָר**
**אין אויסלאַנד: —8 דאָלאַר אַ יאָר**